STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06203

# OYSDOYER

Pesah Binecki

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח בינעצקי

# אויסדויער

## לידער און פאעמען

תל־אביב

1963

פאַרטרעט פון אויטאָר און צייכענונגען אויסגעפירט
פון מנחם בינעצקי (זון פון מחבר)

200 עקזעמפּליארן באזונדער געדרוקט אויף האַלצפריי-
פּאַפּיר פון 90 גראַם און נומערירט פון 1 ביז 200

פארענדיקט דרוקן אין דעצעמבער 1962
אין דרוקעריי „עמל" תל־אביב רח' אילת


62

פסח בינעצקי

# אויסדויער

הוצאת „תרבות לעם", תל־אביב
1963

*PESACH BINETZKI*

*„OISDOIER" POEMS AND SONGS*

נדפס בישראל 1963

**PRINTED IN ISRAEL 1963**

# פאָרוואָרט

מיט פרייד גיבן מיר איבער דאָס בוך לידער פון פסח בינעצקי אין די הענט פון לייענער.

אַרויסגעבן אין בוך-פאָרם די ווערק פון אַ פּראָגרעסיוון שרייבער און דערצו נאָך פון אַ פּראָגרעסיוון יידישן שרייבער, איז אין ישראל ניט פון די לייכטע זאַכן. קיין פאַרלאַגן, ווי באַוווסט, שטייען ניט צו זיין רשות... אויף די עקזיסטירנדיקע פאַרלאַגן, העברעאישע, ווי יידישע, קען דער פּראָגרעסיווער שרייבער ניט אויסרעכענען אויב, פאַרשטייט זיך, ער וויל בלייבן טריי צו זיך אַליין, איינהאַלטן זיין אידעאיש-קינסטלערישן פּנים.

דאָס בוך אין אונדזער לאַנד איז געוואָרן אַ יקר-המציאות, צוליב די אומגעהייער-אויפגעשרויפטע פּרייזן אויף פּאַפּיר און אַנדערע דרוק-הוצאות. גייען טאָקע אַוועק לאַנגע יאָרן און ביים פּראָגרעסיוון שרייבער ווערן פאַרפולט די שופלאַדן מיט מאַנוסקריפּטן פון זיינע שאַפונגען, וועלכע שרייען צום הימל וועגן אַרויסגיין אין דער ליטעראַרישער שיין, ווייל פאַר וועמען מיט זיך דער פּראָגרעסיווער שרייבער-קעמפער, פאַר וועמען לייגט ער אַריין זיין האַרץ און זיין נשמה אין דער שאַפונג, אויב ניט פאַרן לייענער, אויב ניט פאַרן קלאַס פון וועלכן ער איז אַליין אַרויסגעוואַקסן און וועלכן ער וויל דינען מיט זיין פען?

דעריבער, קענען מיר ניט פאַרבאַהאַלטן אונדזער געפיל פון פרייד און טיפער באַפרידיקונג מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך לידער „אויסדויער". די זאַך איז צושטאַנד-געקומען דערפאַר, ווייל די פּראָגרעסיווע קרייזן אין ישראל, האָבן אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטענדעניש און טיפע פאַראינטערעסירונג פאַרן פּראָגרעסיוון יידישן וואָרט, דערפאַר ווייל די יידישע לייענער האָבן אויפגענומען מיט

סימפּאַטיע און האָבן דערפילט אַ נויטווענדיקייט צו זען די שאַפונגען פון דיכטער פּסח בינעצקי אין בוך-פאָרם און אויך דערפאַר, ווייל צענדליקער פריינט פון יידישן וואָרט אין אויסלאַנד, האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אַ בוך רעוואָלוציאָנערע ישראל-ליריק . . .

דער דיכטער פּסח בינעצקי איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער דיכטונג. ער האָט הינטער זיך צוויי לידער-זאַמלונגען: „אַ פענצטער צו דער וועלט" און „לידער" — ביידע אַרויסגעגעבן אין פאָלקס-פּוילן.

דאָס איצטיקע בוך לידער און פּאָעמען „אויסדויער" איז אַ רעזולטאַט פון דעם דיכטערס איבערלעבונגען, שטרייטן און דערפאַרונגען אין מדינת ישראל. זייענדיק אַריינגעטאָן אין סאַמע מיטן פון די געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע ראַנגלענישן אין אונדזער לאַנד, האָט פּסח בינעצקי געפּרוווט זיי געבן אַ דיכטערישן אויסדרוק. צי דאָס איז אים אין גאַנצן אָדער טיילווייז געלונגען — וועגן דעם זאָל משפּטן דער לייענער.

פאָרטגעשריטענע שאַפונגען אין אונדזער לאַנד, זיינען, ניט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען, דאָך ניט קיין זעלטנהייט און אוודאי איז דאָס פאַרגעלייגטע ווערק ניט קיין בכורה דערשיינונג. זינט עס איז אויפגעקומען דער נייער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל מיט זיין גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע דיפערענצירונגען און ווידערשפּרוכן, זיינען זיי באַגלייט געוואָרן און געפונען אַן אָפּשפּילונג אין דער ליטעראַטור, דער פאָרטגעשריטענער, קעמפערישער, וואָס איר בולטסטער רעפּרעזענטאַנט איז דער מייסטער פון העברעאישן וואָרט און פאָנען-טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער ישראל-דיכטונג, אַלעקסאַנדער פּען.

אויך דאָס יידישע קעמפערישע ליד האָט שוין הינטער זיך, דאָ אין לאַנד, אַ לאַנג-יאָריקע טראַדיציע. מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אין שווערע באַדינגונגען פון ענגלישן מאַנדאַט פון איין זייט און דעם העברעאיסטיש-שאָוויניסטישן טעראָר פון דער צווייטער זייט, זיינען דערשינען ליטעראַרישע שאַפונגען אין פּראָגרעסיוון גייסט: לידער,

דערציילונגען און עסייען, וועלכע האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די אומצופרידנהייט און פּראָטעסט מיט די דעמאַלסטיקע סאָציאַל-פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. אָבער ליידער זיינען עס געווען און פאַרבליבן ניט מער, ווי ספּאָראַדיש-פּעריאָדישע אויסגאַבן.

„אויסדויער" איז אַזוי אַרום אַ ווייטערדיקער המשך פון דער פריערדיקער פּראָגרעסיווער שאַפונג אין ארץ ישראל.

זאָל דאָס דאָזיקע ווערק זיין אַן אָנהויב פון אַן אינטענסיווער שעפעריש-פאַרלעגערישער טעטיקייט אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

די אַרויסגעבער פון „אויסדויער" דריקן מיט דעם אויס זייער דאַנק די אַלע פריינט פון יידישן וואָרט אין ישראל, און אויך אין חוץ לארץ, וועלכע האָבן דורכן פאָרפאַרקויף לויט אַבאָנאַמענטן, מעגלעך געמאַכט דאָס צוטרעטן צום פאַרווירקלעכן אונדזער אויפגאַבע, אַרויס-צוגעבן די ווערק פון דיכטער פּסח בינעצקי אין בוך-פאָרם. מיר זיינען ביי דער האָפענונג, אַז דאָס בוך „אויסדויער" וועט זיין אַ וויכטיקער ביישטייער צום פאַרשפרייטן און פאַרטיפן צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס-מאַסן, די דערהויבענע אידייען, וואָס האָבן געפונען אַ דיכטערישן אויסדרוק אין די שאַפונגען פון פּסח בינעצקי.

די אַרויסגעבער

# I
# מולדת

# מולדת

מולדת [1] — כ׳וועב אַריין דאָס וואָרט אין לשון-יידיש —
אין אים — דער טרויער און די פרייד פאַראַן,
נאָר מער פאַר אַלץ — דער ווייטיקלעכער חידוש:
די עוולה וואָס געוועלטיקט אינם לאַנד —

אַ, וויפיל אוצרות האָלט זי אין איין רויבן! —
די כרמל [2]-שיינקייטן, דאָס עמק-גאָלד...
צי זאָל איך אפשר דיינע שונאים גלויבן,
אַז דו, אַ גורל האָסט, אַזאַ געוואָלט?

מולדת, פאַר דיין וויל כ׳פאַרשפאַר קיין מי נישט.
אַ יעדע עוולה טוט מיר ווי ביז בלוט!
איך זינג דאָס ליד דיר, וואָס איך זינג אויף יידיש,
אַז דו, אין פרידן זיין זאָלסטו באַרוט!!!

# איך האָב אַלץ געמיינט...

כ'האָב אַלץ נאָך געמיינט:
ס'איז אַלעמענס דאָך,
דער הימל, דער פּליין,
די שטערן ביינאַכט.

די ווענט פונעם הויז,
וואָס ערשט אויפגעשטעלט.
די גליאיקע רויז,
ביים ראַנד פונעם פעלד.

כ'האָב אַלץ נאָך געמיינט:
ס'איז אַלעמענס היים —
צעהאַקן דעם שטיין,
צעקנעטן דאָס ליים

איז אַלעמען גלייך
אין מי דאָ באַשערט —
ניט שווער און ניט לייכט,
ניט ווייניק, ניט מער —

זאָל רינגען דער שווייס
פון ברודערשן גליד...
נאָר גיי גאָר און ווייס,
אַז אונטער די טריט —

אַפילו דער שטויב
פון היימישן שליאַך
איז אויך שוין צערויבט
אין איינער אַ נאַכט...

כ׳האָב אַלץ נאָך געמיינט —
אָ, איך מיין שוין ניט מער...
ס׳איז מיינס דאָס געוויין
און מיינס בלויז די טרער —

דער צאָרן אין בליק,
וואָס גיט זיך אַ צינד —
די לופטיקע בריק
צעפליקט האָט דער ווינט....

1951

# ערד מיינס

דיינע גרענעצן פאַר ווינטן אָפן,
דיינע ברעגן פאַר די כוואַליעס אויסגעשטעלט.
ערגעץ זיינען וואַלקנס אַנגעלאָפן
און זיי גרייטן זיך אַ שפּרייז טאָן צו דיין שוועל.

שטייט דער כרמל איבער דיר — אַ טרייער שומר
און אין חיפהער [4] פּאָרט — דער שטערנגלי ביינאַכט...
זע, ווי אין באַגינען וויינען שטיל די ביימער,
גלייך עס וואַלט די שרעק אין צווייגן דאָרט געוואַכט.

וויפל קוואַלן זיינען נאָך אין דיר פאַרשלאָסן,
וויפל אוצרות אין דיין אינגעווייד פאַרמאַכט!
אַז דאָס גאָלד, ווערט אויף דיין ערדיש לייב צעגאָסן,
ריזלט עס און קוועלט אַן אין דיין מוטערטראַכט...

פון מטולה[5] ביזן נגב[6] דיינע שטחים
אין אַ גליווערדיקער בענקשאַפט איינגעוויגט.
ווערט אַ שפּראָצעלע פון דורשט דיר איינגעבראָכן —
אויסגעלאָשן איז אַ פריידשטערן אין בליק.

וויפיל ליכטיקייט איז דיר נאָך ווייניק, ווייניק —
אויך דאָס ווערעמל געפינט זיין קאָרגן גליק...
זאָלן ברידער מיט די עלנבויגנס צייניק
פאַר אַ ביסל בלויאיקייט נאָך פירן קריג?

אַלע שבטים[7] זיינען זיך צונויפגעקומען,
נאָר די ברידערשאַפט צו קומען האָט פאַרפעלט.
אין ישראלס צעלטן ווינט דאָרט איצט דער אומעט.
בלויז די גרויסע האָפענונג אין הערצער העלט...

ווען די לידער וועלן ווערן אויסגעזונגען
און די מדברס אויסגעבעט מיט סאַמעט גרינס,
ווען געשטילט ווערן עס וועט דער לעצטער הונגער
און פאַרווישט די טרערן פון אַן עלנט קינד —

דאַן ערשט, דעמאָלט, זאָל דיין אומרו דיר צערינען
און אין יעדן אויפבלי פון דער מאָרגנשיין,
זאָלסט פון סניי, מיין האָרץ, די גרויסע פרייד געפינען,
דאָרט ווו דו געפינסט איצט בלויז נאָר, בלויז די פיין...

1953

# אין טויער פון עמק

אין טויער פון עמק,[8]
אַז איך האָב מיין היים אויפגעשלאָגן,
אַ בושל מיט אימה
די ניים האָט אויף פעלדער צעטראָגן,

אַז דאָ אויפן בארגשפּיץ,
וואָס האָט אין דער בלויקייט פאַרשטאָכן,
אַ פּוילישער ייד איז
פון ווייסל אַהער אַזש פאַרקראָכן...

אַ וואונדער, אַ וואונדער!
ער האָט עפּעס גאָרניט פאַרשטאַנען...
צום עמק פאַרבונדן
אַ ייד פון די פּוילישע לאַנען?

ווו טאָפּאָלעס רוישן
און ווערבעס ביי טייכעלעך וויינען,
די ווייסל פאַרטוישן
אויף דאָרשטיקע בראָנדיקע פּליינען?...

דער בושל פון פּוילן,
ער איז מיט געשריי דורכגעפלויגן
און האָט ניט פאַרהוילן
זיין טריישאָפט צו היימישע סטאָגן...

ווו ער האָט געזויגן
ביי סטאַוון פאַרשימלטע, גרינע...
מיט קינדערשע אויגן,
די מילך פון די נעפּל-באַגינען.

1952

# אויפן 14־טן צוזאַמענפאַר [9]

דער ירדן [3] איז ניט ברייט, ניט פּרייט,
נאָר ס׳קלינגט אַפֿ זיין געפּליסטער אין מיין האַרצן,
גלייך ס׳וואָלט אַ זייער ליכטיקייט געזייט...
אויף פעלדער אויפגעאַקערטע די שוואַרצע.

אַ ריטם קלאַפּט אויס אין געהער,
ווי ס׳וואָלט אַ ווינט פון כרמל אָנגעפלויגן
און אין מפרץ [10] אַ וויג-געטאָן די ערד —
די שטערנס אָנגעצונדן אין די אויגן.

ווער קען די פרייד פון גראָז —
אויף וויסטעניש באַצוווונגענער דעם לשון?...
פון עוולה-ווונד דעם גליאיקן פּאַרדראָס,
ווען ס׳ווערט אַ לעבן ביי דעם ראַנד פאַרלאָשן?

ווער קען פון עלנטן ס׳געוויין?
די נויט — אַרויסגעפליקט זיין צונג פון גומען —
פאַרשטומט ער מיט דער שטומקייט פון אַ שטיין
און גלויבט ניט, אַז די פריידן וועלן קומען...

אַ שטורעם גיט אַ שלאָג ביים שוועל —
פון וואַנען האָט ער דאָ אַהער פאַרוואַנדערט?
אין וואַדי-סאַליב [11] האָט די גרויעניש צעהעלט!
און ווו די שנאה האָט געבויט אַ וואַנט ערשט —

דער בבל-טורעם [12] קראַכט!
אַז ווי אַ קראַטער שיסט אַרויס דער צאָרן...
די אַלטע יפו [13], ווי אַ קינד האָט זיך צעלאַכט
אַנטקעגן נייע שטערנדיקע וואָרן...

31-טער מאַי 1961
קינאָ „יפאור״

# אויפֿן כנען

פֿאַרוואָס איז אַזאַ גליווער אויסגעגאָסן אויפֿן כנען ? [14]
ס׳איז זאַמדיק-העל זיין אויסגעברענטע הויט.
די אַלע שטורעמס איבער אים אַדורכגעגאַן —
געלאָזן האָבן דאָ סימנים פֿונעם טויט,
נאָר ער ליגט אַלץ אַזוי אין גליווערדיקער בלאָ,
אַזוי ווי אין זיין אורגעבוירן-שעה.

צופֿוסנס פֿונעם באַרג, ווי אַלטוואַרג-ברוך —
אַ בינטל הייזקעלעך ליימשטויביקע צעשאָטן.
און ביז צום שפּיץ פֿון כנען יאָרהונדערטער אַדורך —
דאָרט איז די נייע צייט אַרויפֿגעטראָטן...
דער הויקערדיקער שטעג פֿון קעמלשפּאַן —
פֿאַרלאָרן אין אַ פֿעלדזשפּאַלט פֿון כנען.

ווי גיך דאָס בליק יאָרהונדערטער וואַרפֿט אָפּ.
צופֿוסנס ווערן זיי אַלץ גרויער, בלאַסער.
ס׳איז גוט אַזוי צו אויפֿהויבן דעם קאָפּ
צו יענע רחבֿותדיקע טרעפּ-טאַראַסן
און וויסן, אַז דאָס גייט די נייע צייט,
צי ווערט דאָס לאַנד פֿון גליווערונג באַפֿרייט ?

צפֿת, 1956

# ווער ווייס, ווער ווייס?

אין שטילקייט זויגט זיך איין
מיין אומרויִק געהער.
די שטילקייט היילט די פּיין,
נאָר ס'איז די שטילקייט שווער.

ווען כ'וואָלט געווען אַ בוים
אויף כנענס פעלדזנערד,
וואָלט איך ווי ער געטרוימט,
אַז זיין זאָל מיר באַשערט

די פרייד פון פויגל-דור,
וואָס קומט צוריק אַהיים
פון ווייט-פאַרפרעמדטער וואָר
צו נעסט פון שטרוי און ליים,

אויף בלעטערצווייג געבעט.
נאָר איך בין ניט קיין בוים
און איבערפלאַנצן שפּעט —
צו שפּעט איז מיר מיין טרוים

אויף הוילער פעלדזנערד,
וו ס'קלעטערט איצט מיין בליק —
צי בלויז די בענקשאַפט טרייבט?
צי ציט דער שניי צוריק?
ווער ווייס?
ווער ווייס?

צפת, 1956

# די סמיכות הפרשה

איך ווייס פון דער סמיכות־הפרשה :[15]
דורך ימען און לענדער די בריק —
פון חיפה, איראַן און ביז וואַרשע —
דער מענטש שפּאַנט פאַרויס צו זיין גליק.

נאָר כ'ווייס אויך : דער וועג ניט קיין גלייכער —
פון נגבס דער בראַנדיקער מיט,
ביז פעלדען אוקראַינער די ווייטע,
דערגייט נאָך דערווייל בלויז מיין ליד...

נאָר מאָרגן — אין דעם בין איך זיכער —
פון לייבלעכן עמק די ערד —
אַ שלאַג־טאָן זי וועט מיט געוויכער,
וואָס ווייטקייטן אַלע פאַרצערט...

און ס'מעגן אויף חיפהער ברעגן
פאַרלאַנדן ווייטלענדישע פיינט...
דער כרמל וועט שטיין זיי אַנטקעגן —
באַוואָפנט אין גילדערנער שיין —

די אוראַלטע בערג פון יהודה[16] —
דער פלאַם פון מודיעין[17] נאָך ברענט...
די לידער פון פּאַבלאָ נערודאַ —
מען האָט זיי אין שלאַכטן דערקענט!

מיין היימלאַנד, די סמיכות־הפרשה
איך זע אַזוי דייטלעך און קלאָר :
אין חיפה, איראַן — ווי אין וואַרשע —
דערגיין אויך צום גליק וועט מיין דור!

1954



# אויף בייזוואונדער...

מיר האַבן אַלע ליב זיך אויף בייז-וואונדער,
נאַר יעדערער פון אונז האַלט גרייט די פויסט —
פיי ווער עס זיצט אויף גאָלדזעק זיינע הונדערט —
פיי ווער מיט וואַסער און מיט ברויט קומט אויס...

מיר ריידן אַלע איין דעם זעלבן לשון,
נאַר יעדעם וואָרט פאַרמאַגט אַן אַנדער מיין:
פאַר וועמען ס'איז די האָפענונג פאַרלאָשן,
פאַר וועמען ס'ווערט דאָס לעבן וואונדערשיין...

און ווער פאַרשטאַנען ס'האָט דעם זין פון יושר,
און ווער פאַרפלאָנטערט זיך נאָך אין געדאַנק,
און ווער עס ברעכט די קניען פאַרן עושר,
און וועמען ס'שוט די פינצטערניש שוין באַנג...

מיר האַבן אַלע ליב זיך אויף בייז-וואונדער
און ריידן אַלע איין די זעלבע שפּראַך,
נאַר וועמען ס'האַלט די קייט נאָך אַנגעבונדן
און ווער עס האָט אַ רונג שוין אויפגעמאַכט...

1959

# אין נגב

דער נגב איז אַ פייער־ים
און מיר זיינען די שיפער.
מיר שיפן שוין אַ יאָר מסתם
אַלץ ווייטער און אַלץ טיפער

און אפשר בלויז אַ שעה ניט מער —
פון ברעגן אַפגעשווומען —
אַ הינטער אונז די גרינע ערד —
אַ חלום אויסגערונען —

אַ חלום פון פאַרצייטנס בלויז
אין נעפּלבליק פאַרשאָטנט;
אַ היים, אַ קינד, אַ בוים, אַ רויז —
אין טיפן דנאָ פאַרשאָטן...

מיר שיפן אינם ים אַוועק
אַלץ טיפער און אַלץ ווייטער
און ס׳פאַלן אָפּ פון אונז די טעג —
פאַרברענטע אויפן שייטער...

אומזיסט פאַראַנקערט אונזער בליק
אין שאָטן פון אַ כוואַליע —
די האָפענונג אין האַרץ דערשטיקט —
אין פייערשטויב צעפאַלן.

אַ פלאַם — צעפלאַקערט אונזער שיף —
וואָס וועט פון אונז פאַרבלייבן?
דער נגב-ים איז ברייט און טיף —
די בראַנדן-כוואַליעס טרייבן

און יעדער פרעגט: וואוהין, וואוהין? —
עס זעט זיך נישט קיין האַפן...
די ווייט פון אונזער בליק פאַרשווינדט,
צי וועלן מיר זי כאַפן?

דערוויל אַ שעה און אפשר מער —
צו צילן שוין דערעסן!
מיר האָבן שוין די גרינע ערד
אַן אייביקייט פאַרגעסן...

1959

# וואַדי סאַליב [18]

(סאָנעטן)

א

וויין, קינדעלע, וויין!
ס׳וויל דער קרעמער מער שוין גאַרניט באָרגן —
קייען וועסטו היינט דער מאַמעס זאָרגן,
אויסזויגן דאָס חיות פון געביין...

אפשר וועט דיין טאַטע ברענגען ברויט.
אויפגעשטאַנען איז ער אין באַגינען —
יאָגט זיך אום אַ „דחק" [19] צו פאַרדינען —
ברענגט ער אין פאַרנאַכט אַ האַרבל נויט...

וויין, קינדעלע, וויין!
קיינער איז געווים אין דעם ניט שולדיק,
אַז דו ביסט אַזוי היינט אומגעדולדיק

אום דער מאַמעס וויטיק צו פאַרשטיין.
אויפן כרמל לעשן זיך די שטערן,
אפשר וועסטו פאַרט אַנטשלאָפן ווערן...

ב

קיין בן-יחיד ביסטו ניט חלילה!
אויף די שטיגן ביי דער שימלוואַנט
דיינע שוועסטער, ברידערלעך — באַנאַנד
מיטן הונגער אין באַהעלטענישן שפּילן...

שלאָף מיין קדיש, גאָט איז דאָך אַן עדות:
ביי דער מאַמען ליידיקע די בריסט...
מילך און האָניק טריפן ניט אומזיסט,
ווי ס׳דערציילן, דאָרט די חומש-זיידעס...

מאָרגן וועט די מאַמע מאַכן ספּאַנדזשע — [20]
דער גברת שייערן און וואַשן —
וועסטו שוין באַקומען וואָס צום נאַשן,

נאָר דערווייל פון עסן ניט דערמאַן-זשע!
וויפיל איז דער שיר אַזוי צו וויינען?
שלאָף מיין יידל, מאַראָקאַנער שיינער!

ג

די גברת, אוי איז זי אַ בייזע! —
ווי אַ שאָטן שלייכט זיך דורך די שטובן,
כ׳זאָל אַ רגע אָפּרוען ניט פּרווון —
יאַלאַ, יאַלאַ! — אַרבעטן נאָר הייסט זי.

פינעף שטובן ליכטיקע, חביבי! — [21]
מיטן שוויים דעם זיבעטן באַשלאָגן —
אויסגעשייערט אַלץ און אויסגעצוואָגן...
און אין וויגל איז דאָס קליינס פאַרבליבן —

הערט ניט אויף דאָס פינגערל צו זויגן...
„היי גברת, צייל שוין אויס די פּיאַסטערס!" —
די מאַדאַם מיט פינגערלעך די בלאַסע,

ציילט פּאַמעלעך, ווי ס'וואָלט גאָלד געווויגן —
ביז פאַרשנירלט אירע וויינשל-ליפּן...
„אוי מיין צער אין דער שיכנאַזיס ריפּן!" [22]

ד

איינגעקוויפּט דאָס ברויטל פאַר די פּיקערס —
איידער וואָס — ניטאָ איז שוין קיין בּיס.
אָנגעלאָפן זיך דער מאַן אומזיסט —
פון די ביטערקייטן, ווי פון אַראַק [23] שיכור...

וואַרפט ער זיך מיט פויסטן פּונם שלאָף —
„עבודה" [24] — פאַרקריצט ער מיט די ציינער...
„ווי מיר וויי, — אַ בינטל הויט-און-ביינער —
האָבן זיי געמאַכט פון אים אַ סוף! —

גאָט מיינער, צי וועט עס לאַנג זיך ציען? —
וואַדי-סאַליב שווידערט אין די נעכט; —
זאָל בר יוחאי [25] זיך פאַר אונז דאָרט מיען! —

וועמען איז אין לאַנד אַזוי נאָך שלעכט? —"
הונגעריקע מאַראָקאַנער עדה! —
הער, זי הויבט שוין אָן מיט צאָרן ריידן...

ה

וואַדי-סאַליב — לעבעדיקער קבר!
ווער האָט אָט דאָס מאָדנע וואָרט געהערט?
אויף דער שיינער בלויער כרמל-ערד,
ווי אַ פרעמדער פּוילנדיקער אבר —

אַנגעוואַקסן איז ער דורך די יאָרן —
אבא חושים[26] חרפּהדיקער פלעק...
וואַדי-סאַליב — טרערנדיקער שטעג —
אָנגעהויבן ריידן האָט מיט צאָרן,

אַז דער כּרמל-שפּיץ האָט באַלד דערפילט —
איינגעקאָרטשעט זיך פאַר שרעק די שויבן:
אַ געשפּענסט, עקשנותדיק און ווילד,

האָט זיך צו די ווילעס אויפגעהויבן
און ער האַקט אין טירן מיט די פויסטן —
מיטן פּחד לאַנג אַוועקגערוישטן...

ז

האָט די נויט אַ פאָן היינט אויפגעהויבן,
נאָר די פאָן — פון יאוש איז זי שוואַרץ —
וואַדי-סאַליב — איר צעוויטיקט האַרץ
קען נאָך היינט זיך מערער ניט דערלויבן...

נאָך פאַרנעפּלט זיינען אירע אויגן
און איר טרוים צום פּלי נאָך ניט געגרייט...
ווי דער טרוים, אַזוי איז אויך איר פרייד —
מיט באַגערן גראַשיקע געוויגן...

נאָר פאַרשווינדן וועט פון בליק דער נעפּל —
וואַדי סאַליב, זי וועט נאָך דערזען,
אַז דער צאָרן איז דאָס ערשטע טרעפּל —

אויפצוהויבן זיך פון טונקלע ווענט
צו דער בלוי אַרויס אין ברידער-רייען —
ס׳וועט די פאָן פון גליק איר נאָך דערפרייען!!

אויגוסט, 1959

# מזמור שיר לישראל [27]

(ציקל לידער)

צום צענטן יארטאג פון מדינת ישראל

## א

הורה... הורה... [28]
זינגט זשע אויף דאָס שיינע ליד,
ברידער פון ישראל,
מיט אַ ליכטיקן געמיט,
ווי די זון איז דאָ העל,
ווי דער הימל תכלת [29]-טיף
און דער כּרמל — טויענטריף
שטראַליקט אויף באַגינען.

זינגט זשע און אין ראָד אַריין
אויסטאַנצן די פריידן.
און אַ זשלאָק פון כּרמל-ווייַן
מיט דער גאַנצער עדה!
מיט די הענט און פיס אַ קראַנץ,
לייב און לעבן אינעם טאַנץ
מיטן גאַנצן זינען.

זינגט זשע, טאַנצט זשע, חי געלעבט! —
מיטן פולן האַרצן.
הער, מיר האָבן דאָך דערלעבט —
ברידער — ווייסע, שווארצע —
דעקן זאָל איין הימל אלע,
ווי אַ חופּה — חתן-כּלה
אויף לעולם ועד...

אַלע אינעם ראָד אַריין!
וואַרפט אָוועק די זאָרגן.
ס'איז אַ גרויסע שמחה היינט

און די דאגות — מאָרגן...
קומען וועט נאָך אונזער גואל...
ליכטיק ווערן זאָל אין אהל,
ממועד למועד!

הייסער, גיכער, הויבט די פיס,
אַז די ערד זאָל ברענען!
וואָס? דער „דחק"-לויז, פאַרגיסט
טרערן אינם זמר?
פון מטולה ביזקל אילת [30]
איז דאָס לאַנד ניט כולו תכלת?
אַבער יידן זעמיר...

אויף אַ יום טוב! יונג און אַלט,
קינדער אין די וויגן —
די מדינה צען יאָר אַלט! —
ציט זיך אונזער ניגון
און די ווערטער — פייערשטיקער —
פון דער פרייד אין העלדזער שטיקן
און די בלוטן ברענען...

זיינען ברידער אויסגעצירט
אינם שענסטן בעסטן —
דינסטער זייד און שמוק-קאַליר,
כאַקי-דלות-שוועסטער. [31]
וועט מען ביי די יום טוב-טישן
קיין שום עוולה ניט פאַרווישן
אינם לאַנד ישראל?

איז געטאַנצט זאָל זיין אַ טאַנץ,
הונגעריקער, זאַטער... —
היינט זאָל זיין דער חשבון גאַנץ —
האַרצעדיקער טאַטע...
אַז די פיס זאָלן זיך טראָגן
ביז דעם הענערקריי פאַרטאָגן
אין ישראלס אהל...

## ב

# איסרו חג...

אָפּגעטאַנצט און אָפּגעזונגען,
ס׳איז שוין איסרו חג.
האָט דער יום-טוב אָפּגעקלונגען
מיטן האַק און פּאַק...
ווידער קומט דער אינדערוואָכן
פון דער גרויסער מי —
אינם חול איבער די קנאָכן
פון באַגינען-פרי:
אויפן בנין מיט דער קעלניע,
ביי די גרענעצן דער זעלנער,
אויפן טראַקטאָר דער קיבוצניק,
און דער קינסטלער ביי זיין קונסטשטיק —
אין ישראל — פולע וואָך!
וואָס באַדאַרף מען נאָך?

אָפּגעיומטובט, אָפּגעפרייטלעכט,
ברידער, שוין גענוג!
דאָ אַ צייט צו זיין אַ מלך —
טרינקען וויין פון קרוג.
דאָ אַ צייט צו לייגן ציגל
אין ישראלס וואַנט
און פאַר טרוים, וואָס אויפגעהיגלט —
נעם. אַ ברעט אין האַנט!
ס׳איז גענוג פאַראַן צום בויען,
האַקן שטיינער, רייסן סלאַיען,
זייען, אַקערן און שניידן —
זאָל די נויט אונדז אַלע מיידן.
ווער ס׳איז אָרעם, ווער ס׳איז רייך —
אַלע, אַלע גלייך...

דער מולדתס אַלע קינדער
פֿון ישׂראלס שטאַם.
און אַבֿרהם אָבֿינוס רינדער —
אויך געצוג מסתּם —
וועט די פּאַשע זיין אויף פֿעלדער —
דו נאָר זיי און פֿלאַנץ,
אַז די מי זאָל זיין דער העלד דאָ... —
ניט פֿון גאָלד דער גלאַנץ,
וואָס באַקרוינט די מיוחסים —
שוואַרצע בירזשע, דאָלאַר-האָסע,
ליליענבלומער שפּעקולאַנטן, [32]
גאַנצע כמאַרעס פּוסטע פֿראַנטן,
תּל-אָבֿיבֿער קאַבאַרעט —
אַט דאָס אַדלגרעט...

## ג

# דאס לאנד פון מילך און האניק...

ס׳איז אַ ליכטיק-שיינער חלום,
וואָס דו גיסט צו מאָל אַ מאָל אים:

אַז דער טיש זאָל זיין געגרייט —
אַלעמען מיט זאַלץ און ברויט...

גאָט האָט צוגעזאָגט די אבות —
פאַר זיין פאָלק ניט אויף קאַטאָוועס,

וועמען נאָר דאָס גוטס פאַרגינט —
מילך און האָניק איבערינט...

דער כנרת, מאַמע זיסע!
וויפל פישן דאָרט די פישער...

נייע גאָבן יעדן טאָג
גיט דער עמק אונז אַ טראָג...

און אין סדום ביים ים המלח
די וואַגאָנען פאַטאַש צייל איך —

דעם מאַגנעזיום און דעם בראָם,
אַז איך קען דעם חשבון קוים...

מילך און האָניק — דאָס איז ווייניק —
אויף דער קופּער אָפּגערייניקט

פון דעם מלך שלמהס צייט [33] —
זיינע שאַכטן איצט באַנייט.

און דער נגב, גאַט מיין ליבער! —
נאַפּט און אייזן אין די גריבער —

לייג דעם אויער צו דער ערד,
ווי עס קאָכט דאָרט און עס יערט...

און עס בעט די ערד די קינדער:
נעמט פאַרגוואַלדיקט מיך אַצינדער —

שוין צוויי גאַנצע טויזנט יאָר
בתולהט אַלץ מיין ווייסטע וואָר...

וויינט די גוטע ערד מיט טרערן —
טויעז, וואָס אומזיסט פאַרצערן —

וואַרט זי אַלץ אָפּ איר באַגין
אין איר דורות-טרוים פאַרשפּינט...

ד

## דער מענטש — אונזער אוצר

נאָר דער גרעסטער פון די אוצרות
איז דאָך אונזער מענטש פאַרשטייט זיך...

וואָס אים איז אויף אונזער ערד
איבערמאַכן אַלץ באַשערט —

אונזער עמך שער און אייזן —
וונדער קען ער דאָך באַווייזן:

אַלע סודות פאַר זיין מוח,
אַלע פעלדזן פאַר זיין כוח,

אַלע הויכן פאַר זיין טראָט,
אַלע טאָלן פאַר זיין גנאָד...

אַלע וואַסערן, ביים ברעג
איינשפּאַנען אין לויף פון טעג...

וואָס דער מענטש קען אַלץ באַשאַפן:
אָנלאָדן אין אונזער האַפן

ריינסטן עפּלגאָלד אַ שיף,
אויסמעסטן די טיפסטע טיף

און די ווייטסטע ווייט דערגרייכן,
אונטן, אויבן, אַלע הייכן...

פייגל אויפבויען פון שטאָל...
איבערבויען נאָך אַ מאָל

דאָס וואָס איז שוין אַלט געוואָרן —
מי און מוח צו פאַרשפּאָרן.

וויפיל אוצרות יעדע שעה
קען דער מענטש באַשאַפן דאָ,

אַז ס׳זאָל קיינעם גאָרניט פעלן:
פויגל-מילך, קאַנאַריק-טרעלן...

ברויט פאַר יעדערן צו זעט
און פאַר רו אַ ריינע בעט...

ה

## אונזער גוטע מי

יעדע שעה מיט גאָלד צוגלייך —
פון דער מי דער גוטער —
אונזער טייער לאַנד באַרייכט
ברויט און מילך און פוטער.

סטאַדעס שעפּסן אינם פעלד,
נגבס פליין פאַרזייטער.
טריקעניש דעם וועג פאַרשטעלט —
גרינע ביימער-ברייטן...

באַנוול-קנוילן — ווייסער שניי
אין בית שאָן [34] דעם הייסן,
וואָלן טייערע פאַרגרייט.
אין גליל מען ווייסט שוין

פון דעם בעסטן טאַבאַק דאָרט —
שמעקעדיקער ריח
און מען גיט זיך שוין אַ פּאָר
צו פאַרזייען טיי אויך...

רייז און צוקער, קאַווע-פּלאַנץ,
וואָס איר ווילט נאָר האָבן.
אין כפר-אתא [35] — שפּולנטאַנץ... —
באַלן לייוונט-גאַבן

וואַקסן אַן מיט יעדער שעה —
גאַנצן לאַנד באַקליידן.
וויפל רייכטימער נאָך דאָ —
שווער אַלץ אויסצוריידן!

נאַר אַווּ קומט אַלץ אַהין ? —
פרעגט זיך דאָך די קשיה.
ווי אַזוי און ווו פאַרשווינדט
די עשירות ראשע ?

ו

## למה ומדוע ?...[36]

אויב די מי איז גאָלד צוגלייך —
לאָזט עס מיך ניט רוען ;
כ׳בין אַ בעלן פרעגן אייך :
למה ומדוע ?

ווי אַזוי געשעט דער נס —
פון „צו פיל" ווערט, זעט איר,
אַז דער אביון נישט דערעסט
און דער נגיד — פעטער ?...

ווער האָט עס אַזוי פאַרטראַכט
אין זיין דמיון שוואַרצן —
אויסגעמישט דעם טאָג מיט נאַכט —
שטיינער אויפן האַרצן ?

ווו די זון — אַ שאָטן באַלד,
ווו די פרייד — דאָרט צערן...
גיט די טיר זיך אַ צעפראַל —
לויפט דער ווינט פאַרשפאַרן...

אונזער היים, אוי גאָטעניו !
שבת אחים יחד ?[37] —
שנאה-גלי צעזאָטענע —
ביימשן-פייף פון פחד !

ווילע-פראַכט, צעשפּאַרטע זעט,
גאווה-גאָלד — צעשימערט.
און ניט ווייט אַן אהל, זעט —
וואַקסט אַרויס פון קימער...

קינדערלעך אויף בעטלברויט —
הוילע לייב אין שמאַטעס —
מאַמע וויינט זיך אויס דעם טויט —
טאַטע הינטער קראַטעס...

ווער האָט עס פאַרטראַכט, אוי זאָגט,
אַז די היים אין טרערן —
איינעם זאָל זי זיין אַ פּלאָג —
צווייטן — שפע מערן?

אויב די מי איז גאָלד צוגלייך —
לאָזט עס מיך ניט רוען —
כ'בין אַ בעלן פרעגן אייך:
למה ומדוע?

למה און פאַרוואָס די הענט,
קרעפּטיקע און האַרטע,
וועלכן הילפלאָז צווישן ווענט —
צווייגן אָפּגעדאַרטע? —

הענט וואָס בענקען נאָך דער זעג,
הענט דעם ליים צו מישן,
הענט וואָס ציילן שוין די טעג —
בטלע בשישים.[38]

איז נישטאָ וואָס אויפצוטאָן
שוין אין דער מדינה?
אַלץ פאַרבויט איז און פאַרטאָן —
אַלע מדברס גרינען?

אַלע הייזער אויפגעשטעלט —
היימלאָזע ניט מערער?
און דער לעצטער שוין געצעלט
שטייט אין פעלד אַ לערער?

אַלע קינדער פונעם לאַנד —
אָנגעטאָן? אין שולע?
אַז ניטאָ שוין פאַר דער האַנט
קיין שום מי, קיין פעולה?[39]

אדרבא, זאָגט זשע מיר,
יידן, קעפּ, חכמים:
אויב עס איז אַ שאָד די מי —
בין איך אַזוי תמים[40] —

און איך קען גאַרנישט פאַרשטיין
ווו איז דאָ דער סדר:
איינער זאָל אין דחקות גיין,
פּוסט און פּאַסט כסדר

און דער צווייטער, הערט נאָר הערט —
אין אַ שמאַלץ-גרוב שווימט ער,
אַז דעם לאַנגווייל, נעבעך שווער,
אינעם כוס פאַרטרינקט ער...

איז אַ ייד אַ יידן גלייך? —
טאַ פאַרוואָס אַצינדער,
דער וואָס איז ווי קורח רייך —
פויגלמילך די קינדער —

אַז זיי פעלט שוין גאָרניט מער —
קאָסמעס אויפצובּרעכן...[41]
און דער צווייטער ייד — פאַרצערט —
סקאָרינקעס ער רעכנט —

אויסצוטיילן יעדן קינד —
הונגער אָפּצונאַרן,
ביז אַן אַרבעט ער געפינט —
קינדערלעך פאַרקוואָרן?...

אַלץ אין היימלאַנד איז פאַראַן
און ס'קען זיין נאָך מערער!
ס'דאַרף נאָר זיין די גוטע האַנט
און די קאָפּ צום קלערן...

נאָר דערווייל, ווו קומט אַהין,
פרעג איך אַלץ די קשיה:
ווי אַזוי און ווו פאַרשווינדט
די עשירות ראַשע?

ז

## דאס ליד וואס מיר דארפן היינט זינגען

כ'ווייס, אַ איך ווייס: אונזער היימלאַנד איז הייליק!
אונזער היימלאַנד, ווי בלוט פונם האַרצן איז טייער —
אין איר פרייד און איר טרויער מיין האַרץ איז באַטייליקט —
אינעם בלוט פון די איידעלע זין, די באַפרייער,
אינעם שוויים פון דער מי, וואָס די ערד טוט באַנייען
און דעם ביטערן גורל פון אַרבעטס-מענטש טייל איך —
אין זיין ליכטיקן שטרעבן פון קלעם זיך באַפרייען —
ווייל איך געבן מיין טייערסטע ליד אים צושטייער.

כ׳ווייס, אַ איך ווייס, אַז דער טאָג, ער וועט קומען:
עוולה פון לאַנד, זי וועט ווערן פאַרשניטן.
טרייבן מען וועט פון די שטיבער דעם אומער —
אפשר מיט ליבשאַפט און אפשר מיט ריטער...
ס׳זאָל יעדער ווינקל פון שלעכטס זיין געמיטן
און אַנשטאָט דערנער — די ווייסטקייט צעבלומען —
דעמאָלט, מיין לאַנד, וועסטו ווערן פאַרהיטן —
די זאַנפט פון דער ערד און די פרייד פון די בליטן.

דעמאָלט מיין היימלאנד — ניט לאַנג שוין צום ווארטן —
וועט מען ניט האַנדלען מיט בלוטן ווי סחורה...
מעסטן און וועגן די גופים פאַרשטאַרטע —
אונטערגעשניטענע זיין ביי די טויערן...
„פרעמדע" צי „אייגענע" — מאַמעס אַן מורא
וועלן באַגעגענען קינדער געגאַרטע —
שלווהדיק-ברוויזיקע יונגען ביי האַרהס —
יעקב און דני און מחמוד און פורת...[42]

דאָס איז דאָס ליד, וואָס מיר דאַרפן היינט זינגען,
ברידער פון מי און פון אַקער און אייזן:
אונזער מדינה — די עוולה באַצווינגען —
זי זאָל חלילה אין האַרץ זיך פאַרבייסן...
קינדער אין וויגן און שניי-ווייסע גרייזן
זאָלן אַ ברודערשאַפט-ניגון צעקלינגען —
ערד פון נביאים זאָל ווידער היינט איינזען:
אחרית הימים — שוין וואָר איז די מעשה!!!

# אַריבער די שטעכיקע דראָטן...

## א

דער בלוטיקער שניט איז געראָטן...
און העלדזער, ווי זאַנגען באַנאַנד —
פאַרשניטן האָט די אייגענע האַנט
אַריבער די שטעכיקע דראָטן...

די גרענעץ פאַרווישט איז געוואָרן —
ווו קיביע? און ווו איז יהוד? [43] —
אין בראַנדיקן זאַמד איז דאָס בלוט
אויף אייביק געגאַנגען פאַרלאָרן...

געבליבן איז אונז נאָר דער צער
אַריבער די שטעכיקע דראָטן.
און מאַמעס מיט אויגן פאַרשטאַרט —

אויף חורבות פון נעסטן געטראָטן.
געבליבן אַ גרויליקע נאַכט —
אין דמיון פון שטן פאַרטראַכט...

## ב

זאָל זיין, אַז בלוט איז ביליק, ביליק
און ס'איז גענוג אַ ווונק פון פיינט —
אַ ברודער זאָל אַ ברודער ווויליק
פאַרשטעכן אינעם האַרץ אַריין?

זאָל זיין, די ערד איז אַזוי ווייניק,
אַז רחלס קינדער זאָלן באַלד
פאַרסמען יעדערער זיין קוואַל —
דאָס לאַנד זאָל בלייבן וויסט און שטייניק?

אָ, ניין, די ערד פאַראַן גענוג! —
דער פרישער קוואַל — פאַר שאָף און רינדער,
פאַר ליפּן דאַרשטיקע — אַ קרוג —

מיט ליבשאַפט אַנטרינקען די קינדער,
נאָר ס׳פירט פון וויט אַ פרעמדער, האַס
און ס׳ווערט די ברידערשאַפט פאַראַשט...

ג

מאַמע מיינע פון יהוד,
הערסט פון קיביע די געוויינען?
אויסגעמישט איז שוין דאָס בלוט
פון די עופהלעך די קליינע...

ס׳וועט שוין קיינער אין דער וועלט
אייער בלוט מער ניט צעשיידן...
און די קללה וואָס איר שעלט —
פאַלט זי דאָך פון אייך, פוןביידן!

מאַמע מיינע, שוועסטער, הערט:
איבערביידע ירדנס ברעגן
האָט דער פיינט ניט אויפהערט

אייער ברוסט מיט שנאה פלעגן...
נאָר אין אייך איז עס געווענדט —
אייער ליבשאַפט אים פאַרלענדט!

סעפּטעמבער, 1953

# אַזוי איז געווען אין אָקטאָבער

(פון ציקל „סיני״) [44]

אַזוי איז געווען אין דעם חודש אָקטאָבער:
אין אוראַלטן לאַנד האָט געברענט דער צינאָבער.

ביים כרמל צופוס, די האַרבסטיקע גסיסה
האָט בלעטער פון ליידיקן כרם [45] געריסן...

און ערגעץ אין עמק עס פלעגן זיך ווייזן
געפליגלטע געסט פון אַ ווייטלעכער רייזע —

אויף יידישע פעלדער אַ כאַפּ-טאָן אַ דרימל
און ווייטער צום דרום, באַגין אויפגעהימלט...

אַזוי איז געווען ביי די היימישע ברעגן:
צום ירדן געפירט האָבן זאַנפטיקע שטעגן,

דער סאַד פון באַנאַנען מיט גאָלד אָנגעקוואָלן,
די בערג ביים כנרת מיט נעפל פאַרמאָלן

און ערגעץ אין שפּאַלט פון אַ פעלדז אין גליל [46]
אַ פאַסטעך זיין אומעט אין פלייט האָט פאַרשטילט

אַזוי איז געווען אין דעם חודש אָקטאָבער:
אין אוראַלטן לאַנד האָט געברענט דער צינאָבער,

און פּלוצלונג אין מיטן אַ טאָג אַזאַ העלן,
גלייך ס׳וואָלטן אין ים זיך צעדונערט די וועלן,

די ערד פון אברהם און פון יצחק און יעקב
אין פייער און פלאַם האָט געגעבן אַ האַק אויף!

די לופט האָט זיך איבערגעבראָכן אויף צווייען
פון טאַנקען-געהילך און דערוווערגטע געשרייען...

פון בלוט און צעריסענעם גלידערגעצאַפּל
און שרעק, וואָס פאַרגליווערט געוואָרן אין אַפּל.

אָ, גאָטעניו ליבער, ווי האָסטו דערלאָזן!? —
די שריפה פון אומקום מען זאָל זי צעבלאָזן!? —

די האַנט פון רציחה און גזלה פאַרהויבן?
די צביעות זאָל אָנטאָן די אומשולד פון טויבן...

די מערדער, וואָס פירן די זין צו דער שחיטה —
דאָס פאָלק זאָל זיי בענטשן ווי העלדן און ריטער?

אַזוי איז געווען אין דעם חודש אָקטאָבער:
אין שויבן פון יידישע הייזער, ווי ראָבן

געפיקט האָבן נייסן פון פראָנטן און קריגן,
ווי טויט און פאַרניכטונג עס האַלטן אין זיגן,

ווי שרעק שטייט ביי יעטוועדער טיר אויפן לויער
און ס'וויינט אויף אין מאַמישע הערצער דער טרויער,

און ערגעץ, אָ ערגעץ עס הויבן אָן קלינגען
די גלעקער פון אָבל מיט מעשענע צינגער...

נאָוועמבער 1956

# דער ערשטער זיג...

בײַ קאַסעם [47] איז געווען דער ערשטער זיג.
און די נצחונות האַלט מען נאָך אין ציילן:
געפאַלן איז צו ערשט דעם שונאס ציג —
דערנאָך, אַ יינגעלע לעם איר — דריי איילן...

דערנאָך, אַ ברודערל געפאַלן פון אַ קויל —
די שיסער האָבן גוט געצילט — געטראָפן!
אַז מאַמעס האַרץ פאַר שרעק האָט אויפגעגרוילט,
איז זי דאָן אויך פון שטוב אַרויסגעלאָפן

און ווי אַ בוים געפאַלן אויפן וועג —
די הענט ווי צווייגן אויף די קינדערלעך פאַרשפּרייט...
דער שיסער האָט פאַרגרעסערט זיין פאַרמעג
און ס׳איז זיין האַרץ צעוואַקסן זיך פאַר פרייד.

אַ קלייניקייט, אַ קלייניקייט די זיגן —
צו גיין אין שלאַכט אָן מינדעסטן פאַרלוסט! —
דער שונא — זיינע מענטשן, זיינע ציגן. —
זיי וואַלגערן זיך ביי אַ יעדן קוסט...

דאָס פאָטערלאַנד האָט זיגן דאָך געהייסן!
און ס׳בלייבט נאָך בלויז אַרויסהענגען די פאָן —
דער שונא און די גאַנצע וועלט שוין ווייסן:
די העלדנטאָט ביי קאַסעם אָפּגעטאָן...

דעצעמבער, 1956

# איך זאָל זיך פרייען?

איך זאָל זיך פרייען מיט די זיגן? —
די זיגן זיינען אַ מפּלה!
מיין היימלאַנד, האָסט ארויפגעשטיגן
אויף שטעג פון בלוטיקע באַצאָלן...

ווו פירט דער וועג פון שווערדן-קריגער?
צום טיפן אָפּגרונט פון נקמה!
דער טויט אַליין וועט זיין דער זיגער —
מיט זיג וועט זיין געקרוינט זיין נאָמען...

ס'האָט קיינער נאָך-ניט זיינע פריידן
אויף קברים פון אַ פאָלק פאַרצייכנט —
ער וועט זיך מיט דער שווערד ניט שיידן,
ביז די נקמה וועט אים גרייכן...

מיין היימלאַנד, זיי געהיט פון זיגן,
וואָס מאָגן שפּעטער אַ באַצאָלונג...
פאַר דער גערעכטיקייט זיך קריגן
איז דיר פון אוראַלט אָן באַפוילן —

און נישט דעם גאָט פון כוח דינען
איז אָנגעזאָגט דיר פון פאַרצייטנס —
דיין אייגן גליק וועסטו געפינען
אין מאַרש פון מענטשהייט דער באַפרייטער!

נאָוועמבער, 1956

## איינער...

אַלע זיינען שוין פון פראַנט געקומען;
איינער, נאָר דער איינער האָט פאַרפעלט —
טראָגט מען קיינעם ניט אַנטקעגן בלומען,
נאָר דעם איינעם — יאָרצייטליכט מען שטעלט...

און דער איינער, אומעטום איז איינער,
אומעטום בלייבט ליידיק-וויסט זיין אָרט —
ניט פאַרנעמען וועט אים מער ניט קיינער,
ניט דערהערן מער שוין ניט זיין וואָרט...

ניט דערלאַנגען מער ניט זיין געלעכטער,
ניט דערזינגען מער שוין ניט זיין ליד...
און ניט זיין, ווי ער שוין, דער געהערטער,
און ניט זיין, ווי ער, שוין קיינמאָל מיד,

און ניט קושן אים אין נאַכט פון גנאָד און
צוטוליען זיין הייסן קאָפּ צום ברוסט...
און ניט זיין ווי אים עס וועט א שאָדן
יעדער טראָפּן טוי אין פרילינג-קוסט...

קיינער וועט זיין אָרט שוין ניט פאַרנעמען —
אין אַ מאַמעס האַרץ וועט בלייבן ער —
ביזן לעצטן ציטער פון די ברעמען,
ביזן לעצטן פינקל פון אַ טרער...

און דער איינער, אומעטום איז איינער,
אומעטום אויף אונזער גרויסער ערד...
אומעטום בלייבט ער דער איינציק שיינער,
אומעטום זיין גורל אים באַשערט —

אַט דער איינער, וואָס איז ניט געקומען
פונם פראָנט מיט אַלעמען צוריק —
טראָגט מען קיינעם ניט אַנטקעגן בלומען
און די פרייד אין האַרצן מען דערשטיקט...

נאָוועמבער, 1956

# ווי אומגלויבלעך

אַז דאָס זאָל געשען אויף דער ערד דאָ,
דער אוראַלטער ערד פון מיין שטאַם
און מיר אַט דער גרויל זיין באַשערט דאָ —
דער ביטערער טעם פון דער שאַנד —

ווי אומגלויבלעך-גרוילנדיק! ווידער
איך הער דאָס געקנאַל פון דער ביקס
און ס׳פאַלן, און ס׳פאַלן די ברידער,
ווי אונטערגעשניטן געוויקס...

די וואַרשעווער נאַכט קומט קאַפּויער
ביי מיר אויף דער אייגענער ערד!
דער שוידערגעגרילץ פון אַ טויער,
וואָס רייסט אויף מיט שרעק דאָס געהער...

דער האַסטיקער קלאַפּ אין די טירן
און מאַמעס יללה-געוויין,
די בלוטן אין אַדער פאַרפרירן
ביים גרויליקן אויסגעשריי: „גיין!"...

נאָוועמבער, 1956

# די טרערן זיינען ניט קיין טרערן...

מיין היימלאַנד, אין די טויזנט פּיינען —
דיין ערד געוואָרן איז פאַרשטיינט.
און אויף די שטיינער וואַקסן ווײַנען —
פון כרמל-טויען אויסגעוויינט.

אין די גלילער דערפער — שאַריען —
די שרעק — און אַלטער בעטלער קומט.
מיין היימלאַנד, עמיצן צי אַרט דען,
אַז די נקמה דאָרטן ברומט —

אין מאַמעס וויטאָגן פאַרגאַסן ? —
דער זון איז זוכן ברויט אַוועק —
אַ בר-מינן ליגט ער צעשאָסן —
פאַרוואַלגערט אויפן זייט פון וועג...

די זאָרג דערגייט שוין ביז צום האַרצן,
דער אומרו ביז צום קינדערוויג.
די שטערן איינגעהילט אין שוואַרצן —
זיי ווערן אין די נעכט דערשטיקט...

ווי לאַנג, ווי לאַנג נאָך וועלן קלינגען
די אבל-גלעקער אין מיין לאַנד
און ס׳וועט דער טויט זיין שירה זינגען...
צו אונזער שפּאָט און אונזער שאַנד ?

די טרערן זיינען ניט קיין טרערן
און דער געשריי ווי ניט דערהערט !
און ס׳וויל דאָס האַרץ זיך נאָך געווערן —
אומזיסט איז אים דאָס אַלץ באַשערט...

דעצעמבער, 1956

# איבראַהים (סאָנעטן) [49]

(סאָנעטן)

א

איבראַהים, סע זינגט עפּעס אַזוינס אין מיר —
קען זיין, אַז אין דער נאַכט וועסטו דערהערן,
ווי מיינע ליפּן אַזאַ קלאַנג באַשווערן —
ער זאָל אַ טראָג טאָן זיך צו דיר, צו דיר —

דורך אַלע טויבקייטן פון קאַלטן שטיין,
דורך אַלע קראַטעס פון פאַרראַסטן פענצטער,
דורך אַלע שמירות פון די נאַכטגעשפּענסטער —
צו דיין געלעגער אין דער נאַכט דערגיין

און ווי אַ פרילינג-ווינטל קיל אַ גלעט טאָן
דיין אויסגעבענקטן שטערן ביי דער וואַנט...
און אַט די לאַנגע שעהן אַנגסטיק-שפּעטע —

איך ווייס איבראַהים, ווי דו גאַרסט אַ האַנט,
וואָס זאָל דיר אומהאַלדזן, צום האַרצן דריקן —
טאָ זאָל מיין גרוס מיט ליבשאַפט דיר באַגליקן!

ב

אויף הויכקייטן פון אויבערשטן גליל —
אין תכלת-שיין פאַרשפּינט האָט זיך דיין לעבן.
די גאַנצע פרייד איז דיר דאָרט אָפּגעגעבן —
די פרייד, וואָס קיינמאָל ניט געווען צופיל.

איך וואָלט פאַרגליכן דיר צום אָדלערפלי,
נאָר ס'איז דיין פלי אַן אַנדערער, איבראַהים!
דו האָסט געוואָלט דיין דלות-היים באַפרייען,
וואָס פול מיט עלנט איז, מיט הונגערמי.

אַ ברויט, אַ בוך — די דאָרשטיקייט צו לעשן
און די הכנעה אויסברענגען פון בליק —
דערפאַר האָט מען פאַרשפאַרט דיינע מעת-לעתן

און צוגערויבט ביי דיר דאָס גרעסטע גליק —
די יוגנט וואָס אויף פרילינגפערד גערימן —
אין קייטן פונעם אָנמאַכט אַ געשמידטע...

### ג

איך וויים איבראַהים, אַפּטער לאַנג נאָך חצות,
עס ברענען אַפּענע אַלץ דיינע אויגן,
גלייך פונקען צוויי אין חושכניש פאַרפלויגן...
די בליקן דיינע — גליאיקער פאַרדראָס.

דאָס בלוט גיט דיר אַ שטויס ביז סאַמע האַרצן —
אַ שטורעם אַ געפּענטעטער אין לייב...
אַ יוגנט, אַז אין שטיינגרוב מען פאַרטרייבט
און בלויז אין צלם-קראַט די שטערן קוואַרצן —

ווי שווער, ווי פיינלעך שווער עס איז די נאַכט!
די בענקעניש — אַ נאָגנדיקער וואָרעם —
גלייך אַ תהום וואָלט דיר זיך אויפגעמאַכט...

דו וואָלסט אַ הייב געטאָן דיין יונגן אָרעם
און מיט דער פויסט אַ זעץ געבן אין וואַנט,
אַז ס'זאָל אַ ציטער טאָן די נאַכט אין לאַנד!...

ד

פאַרוואָס ? פאַרוועָן ? ניט דו אַליין בלויז פרעגסטו !
דער שופט פון פסק-דין דעם אומגערעכטן —
אַ שומר פונעם טרויעריקן נעכטן —
פאַרשטעלן צו דער זון, ער פרווט דיין וועג —

ישראלם שטים — זי רעדט ניט פון זיין מויל !
ווייל שטאַרקער פון פסק-דין ביסטו איבראַהים !
ווייל אונזער ליבשאַפט אויסגעפרוווטע, טרייע
געשענקט זי ווערט דיר אויפן גאַנצן קול !

אַ ברודער ביסטו אונז אין דעם געראַנגל
און די גערעכטיקייט איז אונזער פאָן.
און אויב דער גרויסער שקר דאָ נאָך היינט גילט —

איבראַהים, זע : זיין סוף ער איז שוין נאָענט !
ישראל, לאַנד פון אונזערע נביאים —
אין רום פון אונזער גבורה וועט צעבליען.

ה

דער ביטער-טעם פון נאַגנדיקער בושה,
ווי זשאַווער פרעסט אַדורך מיין האַרץ, איבראַהים!
און ווי אַ פויגל פון דער שטייג וויל זיך באַפרייען
מיין צאַרנדיקער אויסגעשריי: גענוג שוין!

הערט אויף צו לעסטערן, הערט אויף צו שלאָגן!
אַ יעדער קלאַפּ הילכט אָפּ אין אייגן ברוסט —
דעם בלוטנדיקן, כאַרכלדיקן הוסט
פון ברודערלייב, ווי קען איך עס פאַרטראָגן?

די שענדער פון ישראל אַט די נייע —
ווי קורצזיכטיק און ווי געשלאָגן בלינד —
זיי מיינען טאַקע אַז לית דין לית דיין, [50]

נאָר ס׳ווייסט שוין אין גליל אַיעדעם קינד
און ס׳ווייסט די וועלט, ווי לאַנג און ברייט אַרום:
דער שולדיקער זיין האַרבע שטראָף פאַרדינט!

ו

און זאָל עס קלאָר זײַן װי דאָס ליכט פֿון טאָג:
פֿאַרטונקלט אין גליל איז אונזער תּכלית...
דאָס גאַנצע לאַנד, פֿון דן און ביזקל אילת,
גלייך ס'וואָלט אין ניט געשטילטן צער געקלאָגט:

אַן אָדלעריונג פֿאַרטריבן איז פֿון באַרג —
די פֿליגלען זײַנע אײַנגעשמידט אין קייטן.
אוי, אַלע טרערן בליקן אים באַגלייטן,
אוי, אַלע ליבשאַפֿטן אים ניט צו קאַרג.

דער אָדלעריונג, וואָס האָט שוין אויסגעפּרוווט
די צוואַנציק פֿרילינגען אין די מרחקים —
פֿון שטיינערשטייג עס טראָגט זיך שטאָלץ זײַן רוף:

מײַן טרוים וועט איר אויף שטיקער ניט צעהאַקן!
און מיר איז נאָך באַשערט צו פֿליען הויך —
דאָרט וווּ ס'דערגרייכט ניט אייער מינדסטער הויך...

ז

אויב נאָך אַ מאָל וואָלט זיין מיר היינט באַשערט
אַ שימער טאָן מיט פאַרבן פון דער יוגנט —
איבראַהים, ס׳וואָלט געווען פאַר מיר גענוגנט,
ווי דו אַ רויש-טאָן אויף דער מוטער־ערד

און ווי דער פרילינגווינט דאָרט אין גליל —
אין ליימהייזקעס אַריינווייען די בשורה:
די מענטשן האָבן אויפן בבל-טורעם
די שפראַך פון האַרצן גליאיקן דערפילט...

ווי דו איבראַהים, מיינע צוואַנציק יאָר
האָב איך אַמאָל געלייגט אויפן מזבח...
אַ לעצטער פון אַ יענעם גבורה-דור —

דערשטיקטן אין די בונקערס — אַלץ נאָך שטיי איך
מיט פאָן דער אויפגעפליגלטער אַנטקעגן פיינט —
און ווי אַמאָל — מיט דיר צוזאַמען היינט!

ח

איבראַהים, אונזער שטאָלץ און אונזער צאָרן.
אַז ווויל צום פאָלק, וואָס האָט אזעלכע זין!
אַז ווויל צום קלאַס, וואָס דו זיין חלום שפּינסט,
אַז ווויל צום לאַנד, וואָס דו ביסט איצט זיין האַרן —

דער גאָלדהאָרן פון אַלע שענסטע טרוימען —
די ברידערשאַפט די גרויסע פון אַ דור,
וואָס דורך דיין האַריץ פאַרוואַנדלט אין דער וואָר —
זי שאַלט דורך אַלע וואָלקנדיקע רוימען.

פאַר דיר איבראַהים, אונזער הימנליד —
דורך דיקסטע קאַרצערווענט וועט דיר דערגרייכן.
די בענקשאַפטן פון ברויזיקן געמיט —

זיך דורכרייסן זיי וועלן אַלע הייכן.
פאַר דיר איבראַהים, אונזער בלוט אין גליד —
די ליבשאַפט פון אַראַבער און פון ייד!

יוני—יולי, 1958



# צו מיין חבר מחמוד שריידי

די שענסטע בלום פון פרילינג, מחמוד שריידי [51] —
פאַר דיר, פאַר דיר האָב איך זי היינט פאַרגרייט.
ווען איך זאָל קענען איצט אָן ווערטער ריידן —
אַ שפּראַך אזא, וואָס נאָר אַ האַרץ פאַרשטייט,

וואָלט איך אַ סוד דיר ווען אַנפאַרטרויען,
אַ, חבר מיינער, מחמוד שריידי, היינט,
אַז אָט דער פרילינג הינטער תפיסה־טויער,
מיט טויזנט חנען האָט זיך מיר צעשיינט... —

דער פרילינג פון דיין האַרץ דעם אויפגעזידטן —
די ליכטיקייט, וואָס שלאָגט פון דיר אַרויס,
און די פאַראַכטונג אין דיין בליק צעגליטן...
אַנטקעגן שונאס דראָענדיקער פויסט.

יהודה דער איש קריות, זילבערטאַלערס [52] —
האָט ער געמיין געשטופּט דיר אין דער האַנט —
פאַר בגידה [53] האָט ער דיר געוואָלט באַצאָלן
מיט אייגענער דער דורותדיקער שאַנד...

דער בוגד האָט געפּרווט דאָס וויסטע מזל,
נאָר קען מען קויפן דען אַ קאָמוניסט?
די פריי צוריקבאַקומען אויף אַ טאַץ זאָלסט —
צי ווערט זי דען געשענקט אומזיסט, אומנישט?

מיט וואָס, מיט וואָס קען ער דען אַנדערש צאָלן,
אַז אויסגעליידיקט-אָרעם ז'ער אַליין?
די דרייסיק, די פאַרעטערישע טאָלערס —
אַן אייביקייט זיי בראַנדן זיין געביין! —

נאָר דו ביסט רייך, מיין חבר מחמוד שריידי!
אַ לויטערקייט דורך דיינע קראַטן קוואַלט...
און כאַטש אַ תּפיסה-וואַנט טוט אונז צעשיידן —
דער פרילינג ביי דיין קאַמער זיך פאַרהאַלט —

ביסטו, ביסטו פון ליד מיינעם דער ניגון!
מיין יעדן זילב האָסטו דאָרט אויסגעאַנט
אין פייערגלויבן, אַז די פאַן וועט זיגן —
די פאַן פון ברודערשאַפט אין אונזער לאַנד!...

אַפּריל, 1959

# איבּ מײַן ליד

א

אויב מײַן ליד איז די פּרוכט אויפֿן בוים,
וואָס מיט גילדערנער שײַן אָנגעגאָסן,
איז אַ שײַער אַ פֿולער מײַן טרוים —
און מײַן שפּע — אַריבּער די מאָסן.

בײַם צופֿוסנס פֿון כּרמל באַגין,
הויבּט מײַן ליד דעמאָלט אָן דאָרט צו וואַקסן.
יעדעם טראָפּעלע טוי-סעלעדין,
סע צעפּלאַצט פֿון גינגאָלדענע שלאַקסן

און אַ זילבּ נאָך אַ זילבּ, גליד נאָך גליד,
גלײַך די יאָדערס, מיט פֿלײש זיך באַלײבּן —
אָט אַזוי צײַטיקט אויס זיך מײַן ליד,
וואָס באַשערט מיר די שפּע צו קלײבּן.

ב

אויב מיין ליד — דאָס געזאַנג פון מאַשין —
איז דער קלאַפּ פון מיין האַרצן דער ריטם...
און די פרייד, אָ, די פרייד איך געפין
אין דעם שטאָל ביזקל וויים אַ צעגליטן.

אין מפּריך, וואָס אין חיפה דער שטאָט,
שמעלצט מיין ליד זיך אין בראַנדיקן טיגל —
אין אַ יעדן אַן אַרבעטער-טראָט,
אין אַ יעדערן לייג פון אַ ציגל —

שמידט אַ זילב אין אַ זילב זיך אַריין —
אַט אַזוי קומט דאָרט אויף שוין דער ניגון —
דורכגעוועבטער מיט פרייד און מיט פּיין,
וואָס די מאַמעס אים זינגען ביי וויגן.

ג

נאָר מיין ליד איז די פרוכט אויפן בוים
און מיין ליד איז דער קינדערשער חלום.
און די ליכטיקסטע שיין אין מיין טרוים —
אַט די הייליקע זילבן צוויי: שׁ ל ו ם.

יעדער מינדסטער שפּראָץ אויפן בייט,
יעדע שוואַרץ-אויפגעאַקערטע סקיבע,
יעדעס האַרץ איבערפולטע פון פרייד,
יעדע ווידעראַנטפּלעקונג פון ליבע —

אומעטום אין מיין שטראַליקן לאַנד;
פון מטולה ביז אילתער ברעגן —
מיט די זילבן צוויי, שלום, באַנאַנד —
גייען ברידער די מאָרגנס אַנטקעגן.

1955

# II

# אייביק־גלייביק

# איין מאָל האָט געזאָגט מיר מיין געוויסן

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מיין געוויסן:
זעסט אַן עוולה — קיינמאָל ניט פאַרגעס,
ביז זי ווערט פון וואָרצל אויסגעריסן —
שטיי מיט איר אין גלוטיקן פאַרמעסט!

ווייל די עוולה, וואַקסט זי זיך פונאַנדער —
זינקט אַראָפּ דער מענטש אין ווינד-און-וויי...
נאָר עס קען און מוז דאָך ווערן אַנדערש! —
זאָגט מיר מיין געוויסן — די פּאַרטיי...

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מיין געוויסן:
זעסטו גוטס — פאַרדאָפּל עס, פאַרמער!
אַז מיט ברייטע שטראָמען זיך צעגיסן
זאָל עס, אויף דער גאַנצער מוטער-ערד!

אַז די ערד מיט גוטס זאָל זיך צעבליען
און דאָס שלעכטס — ניט גרינג זיין דער פאַרזיי —
דאַרף מען נאָך אַ סך, אַ סך זיך מיען...
זאָגט מיר מיין געוויסן די פּאַרטיי...

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מיין געוויסן:
נאָר דאָס גוטס, אַז דו האָסט אים פאַרמערט —
קען עס ווידער ווערן אויפגעריסן —
ביזן סאַמע פונדאַמענט צעשטערט...

זאָלסטו עס ווי ס'אויג אין קאָפּ פאַרהיטן —
ניט אַליין — מיט ברידער אין דער ריי —
מיט אַ האַרץ פון ליבשאַפטן צעגליטער...
זאָגט מיר דאָס געוויסן — מיין פּאַרטיי!!!

מאַי, 1961

# איז גוט מיט אַלעמען צו גיין

ווי גוט, וואָס כ׳פיל דעם אָטעם פון מיין קלאַס.
אַיעדער טראָפּן בלוט טוט מיר דערציילן,
אַז ניט צו מיר אַליין געהערט דער האַס,
אַז אויך מיין ליבשאַפט כ׳דאַרף מיט וועמען טיילן...

דער מאַרש איז שווער. און ווי וואָלט איך אַליין
צום סאַמע שפּיץ פון באַרג אַרויפגעקלעטערט?
ביי יעדן מינדסטן שטרויכל כ׳וואָלט געמיינט —
איך פאַל אַראָפּ אין טיפן תהום צעשמעטערט...

איז גוט צו גיין מיט אַלעמען דעם וועג
דורך שטרויכלונגען, מפּלות, צו נצחונות.
און אויב עס גיט דאָס האַרץ אַ פּריר פון שרעק —
אין אויסדרויער צו אויסהאַלטן כ׳געוויין עס.

אַ זעלנער בין איך פון מיין אַרבעטספאָלק —
מיין פעדער איז די ביקס און די באַגנעטן.
אויך אין געפילן-פּלאַנטער כ׳זוך אַ טאָלק —
דער טרויער זאָל מיין האַרצן ניט צעפּלעטן...

# נאַר איינס צו ווערן מיט מיין קלאַס

נאַר איינס צו ווערן מיט מיין איגן קלאַס —
דעם קלאַס פון מי און הייליקער יצירה...
און אָפּוואַרפן פון זיך דעם שטיינבאַלאַסט
פון אַלע שימער-שערבלעך וואָס באַצירן

נאַך דאַ און דאָרט די קלאַנגען פון מיין ליד —
אַט דאָס זיינען פון האַרצן די באַגערן:
סע זאָל מיר קלאַפן פון דער פרייד צעגליט,
און אויך דעם גאַנצן קלאַס מיינעם געהערן —

צונויפקאָרטשען אין צווייען זיך פון ווי,
ווען ס'וועט חלילה דראָען אַ מפּלה...
און שטענדיק זיך צו שטעלן אין דער ריי —
פאַר די פאַרלוסטן דאָפּלט אָפּצוצאָלן!

אַזוי זינגט אוים מיין יעדער טראָפּן בלוט:
מיין איך אין איגן קלאַס זאָל זיך צערינען —
זיין חלום זאָל אויף מיר אויך זיין באַרוט
און זיין נצחון אין מיין קלאַנג פאַרשפּונען!

# אונדזער חלום

איך לעבן זע איך ניט קיין אַנדער טעם,
ווי נאָר דער רויטער פלאַטערפאָן צו דינען,
אַז אויך מיין אַלטער בלוטנדיקער שטאַם —
זיין גרויסע היילונג זאָל אין איר געפינען.

איך ווייס, איך ווייס, די צווייפלער דאָ אַ סך
און מערער נאָך די שונאים אויפן לויער,
אַז אונזער פאָן צום תהום זאָל טאָן אַ קראַך
און מיר זאָלן זיך אַנטרינקען מיט טרויער —

נאָך אונזער חלום, וואָס ביים ווערן וואַר
האָט אים אַ בייזע האַנט פאַרוווּנדעט...
אַזאַ איז מיין עקשנותדיקער דור:
נאָך אַלע די מפּלות שווערע הונדערט —

דורך אַלע וואָלקנס זעט ער דאָך די שיין
און איך ווער פון דער גרויסער שיין פאַרבלענדעט —
דער חלום אַ פאַרוווּנדיקטער, בלייבט מיין...
און די, און די, וואָס האָבן אים געשענדעט —

וואָס בלייבן וועט פון זיי? בלויז פּוך און פּראַך! —
דער שטורעמווינט וועט זייער שפּור צעשטויבן
און אונזער חלום אין זיין גאַנצער פּראַכט —
די פלאַטערפאָן צום הימל וועט דערהויבן...

1958

# מיין האָס פאַר זיי!

וויייזט אויס, אַז ס׳איז מיין האָס נאָך ניט גענוגנט.
וויייזט אויס, אַז ס׳איז מיין צאַרן זיי נאָך קנאַפּ...
דער שקר איז געוואָרן זייער טוגנט
און זייער חלום: מיט דער פויסט פאַרכאַפּ!...

די אַדלריטער פון דער גרויסער צביעות,
וואָס די „מולדת״ זיינען זיי, נאָר זיי אַליין!
אַז רק זיי זיינען גרייט צו רייסן קריעה
און אויסברעכן אַ יאָמערדיק געוויין...

אַז נאָר זיי שטייען שטענדיק אויפן לויער —
פאַרהיטן אונזער היימלאַנד פון געפאַר
און ביזקל וואָס, נאָך בויען צו אַ מויער,
און ביזקל ווען — דאָס גאָלד צו זיך אַ שאַר...

ווייל די מולדת איז אַ פעטער ביסן,
און זייער חלום: מיט דער פויסט פאַרכאַפּ! —
מיט ציין און נעגל אין איר לייב פאַרביסן
און ווי די וועלף איז זיי נאָך אַלץ צו קנאַפּ...

מיין האָס פאַר זיי, מיין אויפגעברויזטער צאַרן —
די אַדלריטער פון דעם שקר-גאָט.
מיין היימלאַנד טייערע, דו זיי געוואָרנט!
מיין יידיש פאָלק, קער אָפּ פון זיי דיין גנאָד.

1959

# 1־טער מאַי

דער ערשטער מאַי — דאָס ליד פון אַלע לידער —
דער שיר השירים-קלאַנג פון אונזער וואָר,
דער נאָנטסטער איבערדוף מיט וויטע ברידער,
דער הייסטער קלאַפּ אין האַרצן פון אַ דור...

דער ערשטער מאַי — מיט וואָס אים נאָך פאַרגלייכן?
מיט הימלען, וואָס געגנידערט אויף דער ערד?
מיט ערד, וואָס איז פון, אַלע הימלען רייכער,
אַז זי האָט אַלע עקוועלטן צעשטערט?...

דער ערשטער מאַי — נאָך פּשוטער, נאָך קלאָרער:
דער יומטוב פון דער שווערער האַרטער מי —
די האָפענונג, אַז ס׳זאָל מקוים ווערן:
דאָס ערגעצלאַנד זאָל ווערן אונזער הי!

1959



# לאַ פּאַסיאָנאַריאַ [54]

די קוק אַריין אין אירע יונגע אויגן...
וועסטו דערזען די פלאַמען פון מאַדריד!
די יאָרן האָבן איר ניט איינגעבויגן —
מפּלות — ניט געוואַקלט אירע טריט...

איר קול האָט נאָך די פרישקייט ניט פאַרלאָרן.
איר נאָמען רופט נאָך צו דער זעלבער שלאַכט —
„לאַ פּאַסיאָנאַריאַ“ — ווי דער חומש-דאָרן —
ער ברענגט אַדורך היינט שפּאַניעס שוואַרצע נאַכט...

אַ, וויפל פרייד איר האַרץ האָט אויסגעשלאָגן!
אַ, וויפל האָפענונג צעברענט איר שיין!
אַ, וויפל שרעקן אויפן פיינט נאָך יאָגן
און ס׳איז איר קראַפט נאָך ניט געמינערט היינט...

די גבורה-טאַטן אויסציילן אַצינדער?
די שפּאַניעס זין פאַרוואַגלטע אין פרעמד —
זי ציילט זיי ווי די מאַמע רחל אירע קינדער
און טוליעט זיי צום ברוסט מיט אירע הענט —

דאָס פייער זאָל ניט ווערן אויסגעלאָשן,
אַז קיין אַלמנה, קיין פאַריתומטע קינד
זאָל ניט פאַרגעסן דאָס נקמה-לשון,
אין גרויסן טאָג פון לעצטן יום הדין...

דו קוק אַריין אין אירע קוילן-אויגן:
דאָרט יובלט שוין דאָס לייבלעכע מאַדריד!
ווי זי אַליין — די שטאָט ניט איינגעבויגן —
דעם כבוד שפּאַניעס — זי מיט שטאָלץ פאַרהיט.

דאָלאָרעס איבאַרורי — פאַנענפלאַטער,
וואָס ווי אַן אָדלער פליגלט אויף אין רוים.
דער צאָרן פאָלקישער פאַרשמידט אין קראַטן...
די בענקשאַפטן צום פאָטערלאַנד — אַ טרוים!

און ס׳ווייסט אַלץ ניט די טאָכטער פון די שאָכטן
וואָס אַפּרו איז, וואָס דרימל נאָך דער מי...
אַ גאַנצן דור, אין אייגן בלוט די שלאַכטן —
זי גליט זיי אויס ביז יענעם אינדערפרי,

ווען פראַנקאָס שקלאַפעריי וועט זיך צעפאַלן —
די פירעניייער בערג צעשיינט אין גליק...
לאַ פּאַסיאָנאַריאַ — לאָמיר טרינקען אַלע
לחיים, פאַר איר לאַנג-געגאַרטן זיג!

דעצעמבער 1960

# טרייהייט

מען זויגט זי איין מיט מאַמעס מילך צוזאַמען
און ווי אַ מאַמע איז זי שטענדיק וואַך.
און קיין מאָל, קיין מאָל וועט זי ניט פאַרזאַמען,
ווען איבער דיר דער הימל טוט אַ קראַך...

דו דאַרפסט זי גאַרניט אָנרופן ביים נאָמען —
זי קומט אַליין אין לעצטער גורל-שעה.
און זי פאַרפלאַנצט פון האָפענונג דעם זאָמען
אפילו אין דער סאַמע שוואַרצטער וואָר...

זי איז אין האַרבסט אַ פרילינגדיקער ציטער,
אַ שמייכל אינעם עלנטן געוויין...
זי איז אין שטורעמדיקן ים דער היטער —
די שיף, זי זאָל צום שטילן ברעג דערגיין.

זי איז דער גוטער מלאך ביי דער תליה...
ווען ס'ציט דער הענקער שוין צונויף די שנור —
פון גבורה-אויגן פייערפונקען פליען
און ס'ווערט פארלענדט פון שרעק דער לעצטער שפור...

זי קומט צו גיין אין פיליקע געשטאלטן:
אמאל צעשאלט אין יובלדיקן ליד,
אמאל אין ווארעמקייט פון ברוסט באהאלטן,
אמאל צעהילכט אויף ברוקן אין די טריט.

און אט גיט זי א פלאקער אויף די דראטן...
און אט שיסט זי גאר אוים ווי א ווולקאן
און ס'ווערט די אלטע וועלט אויף שטויב צעשאטן!
און אין דער נייער וועלט איר לוין פאראן...

ווייל אומעטום מיט דיר איז זי פאראנען! —
צי ווען דו זיגסט, דאס לעבן שטעלסט אין קאן —
די טרייהייט, אייביק וועט דיין הארץ זי אנען —
מיט בלוט פארשריבן איז זי אויף דיין פאן!!!

1959

# האַרבסט-מאַטיוון

די העלדן פון „טודע“ געהייליקט

### א

אין אַ טאָג פון פאַרנעפּלטן האַרבסט —
ס׳זיינען טעג שוין אַזוינע געוועזן;
יעדעם בלאַט, גלייך אַ צאַפּלדיק וועזן
רייסט זיך אָפּ פונעם צווייג און פאַרדאַרט...

נאָר דער טאָג היינט איז בלייאיק נאָך מער.
און צו גלייך מיט די בלעטער וואָס פאַלן —
לעשן אויס זיך די גאָלדענע שטראַלן
אויף דער נאָענטער פּערסישער ערד...

וויינט דאָס האַרץ אַ געוויין פון יתומים —
אינעם בלוט קנוילט דאָרט אויף אַ געשריי! —
אָט דער האַרבסט, ער פאַרזייט דאָך די זאָמען

פון אַ בלוטיקן וויכער-זאַווײי...
פון נקמה די גיפטיקע פרוכט —
ווער, אוי זאָג, האָט נאָך זי ניט פאַרזוכט?

ב

ס׳לעשן אוים זיך די גאָלדענע שטראַלן
און נאָך איידער די זון וועט פאַרגייז,
כ׳וועל דערשטיקן אין האַרץ דעם געוויין,
נאָר די טרערן כ׳וועל אויפזאַמלען אַלע

אין אַ בעכער פול זודיקן האַס...
אַט דער היינטיקער המן-זאהאדי,[48]
ווי זיין אורפאַטערס זכר וועט זיין די
פאָלקס-מגילה פון שפּאָט און פון שפּאַס.

אַט דער האַרבסט, יעדע שעה, יעדע רגע,
גלייך אַ שטומפּיקער בלייענער רעגן
נעגלט דורך אין מיין אינגעווייד איצט.

מיינע ברידער געפירט צו דער תליה —
זייער אייביקע רום גיי איך קניען —
ביזן בלוט מיט די ציינער פאַרקריצט!

ג

אַזוי איז עס שוין אייביק:
כדי די צווייגן זאָלן בליען,
אַלע בלעטער וועלקן פריער
און דאָס האַרץ איז גלייביק,

אַז דער האַרבסט וועט מיידן
מיט די אַלע גרוילן ווייען.
די וואָס איצטער ווינטן זייען,
וועלן שטורעם שנײַדן.

אוי, וועט עס אַ פרילינג-פּעכער
מיט די שענסטע פאַרבן
אויפגילדן אויף אַלע דעכער!!

און פון האַרבסט דעם האַרבן —
פון די אַלע פעלקער-הענקער,
ווער וועט עס אַ האָר געדענקען?

אָקטאָבער, 1954

# מאַנאַליס גלעזאַס [55]

מײַן ליד, מײַן האַרץ-געשריי, מײַן פֿייערצאָרן,
נעם אויף די איילִיקע באַשטעלונג, הער!
מאַנאַלים גלעזאַס אין געפֿאַר איז, וואָרן!
עס בלאַנקט אַריבער אים די שאַרף פֿון שווערד...

איך הער מײַן ברודערס גיכן, הייסן אָטעם.
איך זע, זײַן בליק, ער ברענט אַדורך דער קראַט.
דער קרייז ווערט ענגער און זײַן האַלדז פֿאַרשאַטנט...
מײַן ליד, נאָר דו די שליחות ניט פֿאַראַט!

דו ווער די פּאַן, וואָס ער האָט אָנגעצונדן
אַריבער אַקראָפּאָלים-גרוילן-יאָר...
מײַן יידיש ליד, באַווייז אַ וואונדער
און גריכנלאַנד די גרוילנשאַנד פֿאַרשפּאָר!

דער גרויסער העלד פֿון פֿאָטערלאַנד דעם אַלטן —
אין אַדערן אים זידט די זעלבע בלוט,
וואָס האָט דעם ייד אין געטאָ אויפֿגעהאַלטן
אין לעצטער שלאַכט — זײַן אומשטערבלעכן מוט...

איין פּראָנט געוועזן און איין פּראָנט איז פֿאַרבליבן —
אין וואַרשע, תּל-אָביב — די זעלבע שלאַכט...
פֿון נאַצי ווערט אַ פֿריינט צום טויט געטריבן —
גלייך מיך וואָלט מען צום אומשלאַג-פּלאַץ געבראַכט...

מײַן ליד, מײַן האַרץ-געשריי, מײַן פֿייערצאָרן,
דער גורל-שליחות זײַן זאָלסטו געטריי —
מאַנאַלים גלעזאַס אין געפֿאַר איז, וואָרן!
מאַנאַלים גלעזאַס ווערן זאָל באַפֿרייט!

מאַי, 1959

# קאָפּ און האַרץ

דער קאָפּ אין פּוסטריט מיטן האַרץ זאָל שפּאַנען —
ווערט קלאָר אַזוי, ווערט נאָנט אַזוי דער ציל.
איין וועג איז בלויז צו אונזער זיג פאַראַנען:
דורך שלאַכטן, אָפט אין טרויערן געהילט...

איין וועג דורך אַלע פינצטערנישן אָפן —
דורך נעפּלען פון פאַרפּלאָנטערטן געדאַנק.
און אויב דאָס האַרץ איז ווייט פאַרויסגעלאָפן
און ס'טוען אים די שטרויכלונגען גאָר באַנג —

אַ מידע פון די ראַנגלענישן שווערע
פאַר יעדן טראָט צו אונזער גרויסן זיג —
באַצווינג דעם האַרץ דיין ווילן צו דערהערן:
ניטאָ קיין וועג איז פון דער שלאַכט צוריק!

ווייל קנאַפּ, אוי קנאַפּ עס איז פון האַרץ דאָס אַנען
אַ ליכטיקייט אויף יענער זייט פון באַרג —
דו זיכער זיי: דיין קאָפּ האָט אַלץ פאַרשטאַנען!
און דאַן וועט דיר די מי נישט זיין צו קאַרג...

און דאַן דאָס בלוט נישט זיין וועט דיר אַ שאָדן —
אַ שפּאַן צו טאָן אין גרויסן מאַרש צום זיג.
און דאַן, מיט אַלע שווערקייטן באַלאָדן —
דאָס האַרץ וועט דיר אַ חבר זיין אין קריג!

1959

# קובאַ

דער טרערן-אינדזל אין קאַריבער ים —
מיט בלוט פאַרשווענקט דער יאַנקי זיינע ברעגן,
נאָר מיט דער שנאה גלוטיקער אַ פלאַם
האָט ק ו ב אַ אויפגעריסן אים אַנטקעגן!

איעדעס האַרץ — דער אויסברוך פון וווּלקאַן.
דער צאָרן — אַ פאַרניכטנדיקע לאַווע...
די ערד אונטער דעם ביטער-שונא בראַנדט
און אונטער די געדונגענע אים שקלאַפן...

אַ פעסטונג איז געוואָרן יעדע הוים —
אַדורכקריכן אין שפּאַרע פון אַ שטוב ער —
אַ גנב מיטן נאַכט טוט אין געהיים...
נאָר ס׳קינד אין וויג אַפילו וואַכט אין קובאַ —

ניט דורכלאָזן דעם יאַנקי וועט ביים ברעג —
די וואַסערן פאַרטרינקען זיינע האָרדעס!
דאָס גאָלד פון אָט די רוישנדיקע טעג
צונויפגעגאָסן האָט זיך אין איין וואָרט עס —

אַ וואָרט אין ריינסטן גליפּייער געשמידט —
אַ נאָמען — אין אים ליבשאַפט און איז האָס דאָ —
פון אונטער פאָלקיש האַרץ אַרויס דאָס ליד —
פון חלום-לאַנג-דערשטיקטן: פ י ד ע ל ק אַ ס ט ר אָ!!

מאַי, 1961

# משפט־סאַבאַל 56

אַ מאַמע קלאַפּט אין אַלע טירן:
אַ, ראַטעוועט, אַ ראַטעווער מיין זון!
אַ זילבערקנויל איר קאָפּ טוט שוין פאַרפרירן
און זי אַליין — אַ בלוטנדיקע ווונד...

אַ מאַמע וויינט, נאָר ס׳רינען ניט קיין טרערן —
ס׳איז אויסגעטריקנט שוין דער טרערן־קוואַל...
נאָר איר געוויין די גאַנצע ערד זאָל הערן,
ווי שטורעמדיש, ווי הויכער וואַסערפאַל... —

ווי ערדציטער, וואָס גיט אַ וויג דאָס לעבן
און ס׳קראַכן די יסודות פון דער ערד.
אַ מאמע האָט איר בלוט אַוועקגעגעבן —
דאָס בלוט אין אָדער פון איר קינד נאָך יערט.

נאָר ס׳קען איר אייגן בלוט פון האַרץ אַנטרינען —
אַ, ראַטעווער מיין זון — אַ מאַמע שרייט —
די אומשולד פון זיין האַרץ זאָל מען געפינען!
דער משפט־סאַבאַל — ווערן זאָל באַנייט!

אַ מאַמע קלאַפּט אין אַלע הערצער־טירן —
די פרייהייט זאָל מען עפענען איר קינד!
אַ זילבערקנויל איר אַקסל טוט פאַרפרירן
און זי אַליין — אַ פלאַטערפאָן אין ווינט.

אויגוסט, 1956

# אלעקסאַנדער פען [57]

(סאָנעטן)

## א

### ברויט און פרייהייט

ברויט און פרייהייט — זיגלווערטער פון אַ לעבן —
גייען זיי דעם דיכטער יאָרן נאָך.
אָנגעהויפּט די נויט אויף אים — אַ יאָך,
נאָר זיין לייבגראַניט קיין ציטער וועט ניט געבן...

ברויט און פרייהייט — ווער קען זיי פונאַנדערטיילן?
זיינען זיי געוואָרן אים די פאָן —
שפּאַנט ער שוין אַזוי פון אָנהויב אָן
און די ווונדן זיינע האַלט ער אין איין ציילן...

גלייך דאָס האַרץ צעפלאַקערטע אין צונטער-פלאַמען —
וויבערט אויף די פאָן אין דיכטערס האַנט —
אין אַיעדן ווינקעלע פון לאַנד —

מיט אַ פרייד פאַר אים איז זי דאָרטן פאַראַנען
ברויט און פרייהייט — אים אַ פאָן און אַ געוויסן —
קען אַ שונא אָט די פלאַמען-פאָן צעשיסן?

## ב

### ו ד ו י

זע, ווי ס׳פּליִיצט מיט גאָלד פון אַלע הימלזייטן
און דער ים פאַרמבולט דיר מיט בּלוי...
אויף די מדבר-קעמלען בעדואינער רייטן
און דער כרמל — אויסגעשטערנט-טוי...

זע, באר-שבע, ס׳קוועלט דאָס וואַסער נאָך פון בּרונעם —
יעקבס טעכטער, אויגן — שוואַרצער וויין...
זאָג, פאַרוואָס האָסטו אין חומש-לאַנד געפונען
שטאָט דער פרייד, די לאַגלען פולע פּיין?

צי האָט בועז צוגערויבט ביי דיר דעם חלום,
אַז דו האָסט מיט צער אין בליק דערזען:
אין בראשית-לאַנד ניטאָ, ניטאָ קיין שלום,

נאָר די שנאה, וואָס דעם טרוים פאַרלענדט?...
איז אין האַרצן דיר פאַרגאַן אַ טרויערשאָטן
און דו האָסט דיין חומש-ליד מיט ווײ צעטראָטן...

## ג

### ד ע ר ג נ א ד פ ו ן ד י ע ר ש ט ע

צו זיין פון די ערשטע, וואָס הויבן דעם האַמער,
דער ערשטער אַ זעץ-טאָן אין וואַנט!
דערנאָך זאָלן קומען די ברידער צוזאַמען
און יעדערער געבן אַ האַנט...

און אַלע און אַלע, אַ שטיין נאָך אַ ציגל
אַרויסרייסן ביז צום יסוד!
דאָס אומרעכט דערשטיקן נאָך באַלד אינעם וויגל... —
דאָס איז אים באַשערט דאָך דער גנאָד.

דער גנאָד פון די ערשטע, דער ערשטער פון אַלע —
זיין וואָרט אָנגעגליטער מיט שרויט —
אין האַרץ פון דער שנאה ער האַלט אין איין פאַלן

און זייען דאָרט חורבן און טויט...
ווי ווייל איז דעם ערשטן, ווי גליאיק די קוילן,
ווי זים אים די אייגענע פרייד ניט פארהוילן!

ד
## ווידער צוזאַמען

איך ווייס ניט, צי מיר האַלטן שוין ביים סוף פון גאַנג,
נאָר אונזער פאָן זי איז באַדעקט מיט רום.
מען וואָרט אויף אונזער ליד נאָך אומעטום
און בלייבן אינעם מיטן וועג טוט באַנג, ווי באַנג...

מען וואָרט, מען דורשטיקט נאָך אויף יעדן קוילן-וואָרט...
און דיר מיין ברודער איז נאָך ניט דערלויבט —
אין רו דיין טאָג זאָל ווערן שוין צעשטויבט —
אויף מזרח-זייט פון אונזער שפּאַנען איז דיין אָרט!

טאָ רו זיך אָפּ אַ ווייל אין וועג און ווייטער קום!
מיר וועלן דיר דיין ערשטן זכות פאַרהיטן —
דעם ערשטן זינגער פון דער פרייהייט — אונזער רום!—

זיין שטורעמליד — אין אונז אַליין צעגליט ער...
מיר שפּאַנען ווידער שוין צוזאַמען אויבן-אָן —
און ברויט און פרייהייט — אונזער אַלטע טרייהייט-פאָן.

פעברואַר, 1956

# צי האַלט איך שוין

צי האַלט איך שוין ביים עלטער, ווען מען פרעגט:
האָסטו אָפּגעזומערט, גרייטסטו זיך שוין צום האַרבסט
און קלייבסטו שוין איבער אַלע דיינע טעג,
אַ וועלכער ס׳איז נאָך גרין, אַ וועלכער דאַרבט?...

מיר דאַכט, אַז כ׳בין נאָך אַלץ אין זומערלעב —
די יאָרן מיינע רייפן שפּע אָן...
מיין ליד צום ווייטסטן שטערן נאָך פאַרשוועבט
און כ׳שטיי נאָך אַלץ ביים סאַמע אָנהייב אָן...

און כאָטש מיין קאָפּ באַשלאָגט אַ דינער פראָסט —
צעפּרילינגט אַ באַגינען אין מיין בליק...
און כאָטש אין לייב אַן אָדער שוין פאַרראָסט —
מיין האַרץ קוועלט אָן מיט ערשטן יוגנטגליק...

כ׳ווער עלטער, דאָס געוויס. מיין זומער ברענט
מיט אַלע הייסע פאַרבן פון דער צייט!
און יעדעס מאָל גלייך איך וואָלט זיך דערקענט
אין מיין גערעטעניש, וואָס ווערט באַנייט...

נאָך ווייט איז צו מיין האַרבסט — דאָס ווייס איך קלאָר;
אַז כאָטש די שוואַלבן פליען מיר אַוועק...
בין איך פאַרטאָן אין גרויסן ליד פון דור —
בין איך נאָך אַלץ אין מיטן פון זיין וועג!

יוני, 1959

# די ירושה

צו וואָס פֿאַרלייקענען, צו וואָס באַהאַלטן?
אַ לעבן־לאַנג איך זאַמל אויף מיין מי —
די קינדער מיין פֿאַרמעגן זאָלן האַלטן,
ווען איך וועל זיין אויף יענער זייט פֿון הי...

אַ גרויסע, וויל איך, זיין זאָל מיין ירושה —
די קינדער מיינע איינטיילן גאָר רייך!
געוועטעניש פֿולע כ׳האָב געוווסט שוין
מיט טריקעניש גרויזאַמע צוגלייך...

און דאָך און דאָך, כ׳בין אָרעם ניט פֿאַרבליבן —
אַיעדע רגע קומט מיר עפּעס צו.
כ׳האָב אויסגעלערנט זיך צו האַסן, ליבן,
נאָר קיינמאָל זיך נישט אויסגעלערנט רו...

אַזאַ איז עס מיין ריזיקער פֿאַרמעגן:
געראַכטע טאַט און ליכטיקער געמיט.
דאָס לעבן איינגעשטעלט פֿאַר ברודערס־וועגן —
די עוולה אויסגעברענט ביז ווײ־צעגליט.

און ווי דער פֿויער פֿירט זיין שניט אין שייער,
איך זאַמל היינט צונויף מיין גוטס־און־האָב —
די קינדער מיינע האַלטן זאָלן טייער
אַט די ירושה, וואָס איך שטעל זיי אָפּ...

1959

# מיין ליד — מיין ביקס

דאָס ליד איז מיין געווער אַצינד
און כ׳גיי אַרויס זיך שלאָגן
אַנטקעגן וויסטן ווי און ווינד,
וואָס וויל דאָס האַרץ פאַרנאָגן...

כ׳וועל שלאָגן זיך פאַר יעדן האַרץ
מיט מיינע לידער-קוילן,
פאַר בליק, וווּ הימלען ווערן שוואַרץ
פון שרעקן און פון גרוילן... —

פאַר האָפענונגען פון דער ברוסט,
וואָס רינען אויס ביי ווערמען...
פאַר יעדן איינציקן פאַרלוסט —
געווינסן צוויי פאַרנעמען!

מיין ליד — מיין ביקס שאַרף אָנגעצילט
אין ברוסט פון דער אַנטוישונג...
און זינגן כ׳מוז, באַזינגען כ׳וויל
פון האַרבסט דעם אומעט-רוישן —

דעם טרויער פון אַ בלעטערפאַל
אויף פרייד פון בלי פאַרביטן...
מיין ליד, מיט פייער טו אַ שאַל,
זאָג אָן פון זיג די צייטן!

דאָס ליד איז מיין געווער אַצינד.
מיין יעדעס וואָרט — די קוילן —
געצילט אין וויסטן ווי און ווינד,
וואָס איז אין האַרץ פאַרהוילן...

1959

# הללויה, הללויה

ניינצן נײַן-און-פופציק אויף דער גרויסער וועלט,
גלייך כ׳וואָלט אויפגעכאַפּט זיך פון אַ שווערן דרימל,
האָב איך ברייט די אויגן אויפגעמאַכט: עס קוועלט! —
ס׳כוואַליעט מיט אַ תכלת פונם הויכן הימל...

כ׳פיל אַ הייסן צאַפּל אונטער מיינע טריט,
גלייך די ערד די אינגעווײדן וואָלט געעפנט —
נאָך אַ ווייל און ס׳הויבט אָן שאָלן מיין געמיט —
אָט וועל איך צום האַרץ אירן דערטרעפן...

הללויה, הללויה, מאַמע ערד!
כ׳שטיי ביים סאַמע קלאָרסטן קוואל פון מיינע לידער.
אויב עס איז נאָך יאָרן לעבן מיר באַשערט —
זאָל איך זיין אַ זינגער צווישן מיינע ברידער —

אומגיין שטענדיק מיט אַ פרילינג אין דער ברוסט,
אַז די זילבן פון די לידער זאָלן בליען
מיט אַ פרייד אַזאַ, וואָס כ׳האָב נאָך ניט געוווסט...
גיין אַנטקעגן נייע אינדערפריען —

מיט אַ האָפענונג אין האַרץ, אַ זון אין בליק,
אַז אַ סך נאָך פרילינגען זיי וועלן קומען,
נאָר דער בלוטגעשפּענסט ניט קומען וועט צוריק —
אַ פאַרמשפּטער אין כף הקלע שטומען...

הללויה, הללויה גרויסע וועלט!
ליכטיקע געבוירן-שעה פון ערשטן גרינען.
גוט אויף ס׳ניי אָן אייגן טראַט צו טאָן אַ שטעל
און דאָס שיינע לעבן ווידער צו באַזינגען...

מערץ, 1959

# פופציק יאָר

אַ האַלבן לעבן אָפּגעלעבט
און כ'האָב איצט אָן צו לעבן.
אַ טרוים אין קינדערשפּיל פאַרוועבט —
איך האַלט אים נאָך אין וועבן...

און פרעגט ניט, פריינט, צי ס'איז כדאי,
און פרעגט ניט צי ס'טוט לוינען?...
אַט שטייט ביים שוועל אַ נייער מאַי
און ווידער וועל איך שטוינען,

ווי אַלע מיינע פופציק יאָר,
אויף בליענדיקע וואונדער,
ווען ס'ווערט אַ שיינענדיקע וואָר
אין צויבער אויפגעבונדן...

און פרעגט ניט פריינט, צי ס'האָט אַ טעם
דער נאָגנדיקער טרויער,
דאָס דורכשווימען דעם גרוילן-ים
און ווידער זיך פאַרטרויען —

דעם גלויבן, וואָס האָט ווי-געטאָן —
אין סאַמע האַרץ פאַרשטאָכן...
אין האַנט די זעלבע יונגע פאָן —
דעם רוקן ניט געבראָכן.

און ווידער אין אַ נייעם גאַנג
מיט הימל-טריט באַפליגלט —
צום ווייטסטן שטערן אַ געזאַנג
מיט בליק אַוועקגעהיגלט...

און פרעגט ניט, צי כדאַי, צי ס׳לוינט? —
אין גאַנג איז די באַצאָלונג!
ווייל ווער ס׳איז פופציק יאָר געווינט
דאָס גוטס זיך אויסצומאָלן

און גייען צו אים ניט אָפּגעווייכט
אויף אומוועגן די קרומע —
דער האָט זיין לוין סיי ווי דערגרייכט —
אין ליד פון דור פאַרשפּונען!

דער וועט די צווייטע פופציק יאָר
ניט מיד ווערן צו שפּאַנען
צו יענער גרויסער שטערנוואָר,
וואָס זעט זיך שוין פון דאַנען —

דער וואָר פון מי, דער וואָר פון גליק
אין ברידערשאַפט דער גוטער,
ווו ליבשאַפט פלייצט פון בליק צו בליק
דורך הערצער די באַרוטע.

דער וועט די צווייטע פופציק יאָר —
ווי שווער דאָס שפּאַנען איז אים —
צוזאַמען מיטן יונגסטן דור
דערגייען צום קאָמוניזם!

מערץ, 1950 — קרית עמל

# פון קליינע זיגן...

פון קליינע זיגן קום צו דעם נצחון!
די מינדסטע מי — אַ ציגל אין דער וואַנט,
ווייל פון דעם אומעט-גרויען אינדערוואַכן
דער פריידן-יום-טוב קומען וועט אין לאַנד.

די דאָרפסט אין קליינעם זען דעם אומגעהייער,
ווייל זילב צו זילב באַהעפטן זיך אין ליד.
דאָס פּראָסטע ניט באַפּוצטע וואָרט איז טייער —
עס קוועלט אַרויס פון פשוטן געמיט...

ביי יעדערן צוקאַפּנס — יעקבס לייטער,
וואָס פון דער ערד אין הימל שפּיזט אַריין...
די העלסטע טרוימען אונדזער וואָר באַגלייטן
און אונזער וואָר אין פּראָסטער כּי צעשיינט.

פון קליינע זיגן קום צו דעם נצחון!
אַמאָל אַ רמז בלויז און ס'איז גענוג —
די וואַנט פון פינצטערנישן דורכגעבראָכן!
און גיריך טרינקט אַ מענטש פון אונזער קרוג —

דעם קרוג פון ברודערשאַפט און קאָמוניזם,
אַז אַט דער מענטש פאַרוווּנדערט קוקט זיך אום:
אַ שיינע חלום-וועלט — ווי נאָענט זי איז אים
און ער האָט גאָרניט געוווּסט דערפון...

1959

## פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס?

דו וועסט אונז לעבן לאַנג —
זאָגט צו דאָס האַרץ
און ס'שטימען צו די גלידער...
טאָ זאָל ניט טאָן דיר באַנג,
ווען ס'קומט דער האַרבסט
מיט זיינע טרויער־לידער...

דאָס שענסטע ליד פאַרבלייבט —
דאָס ליד פון פרייד —
אין יוגנט נאָך געשאַפן,
ווען דו אין וועג זיך קלייבסט
אַוועקצוגיין —
דערשווייגן צו דיין האָפן —

עס איז נאָך יונג און שיין
ווי זומערלעב
מיט צייטיקייט געבענטשטער,
אַז דו וועסט ווו פאַרגיין —
דאָס ליד באַהעפט
וועט זיין נאָך מיט די מענטשן...

ניט בלויז דערמאָנען דיר —
אין דיין געזאַנג
פאַרהייליקן דיין נאָמען —
אין ליד דערקאָנען דיר,
דיין לויטער גאַנג
אַנטקעגן פינצטער-שטראָמען,

אַז ס׳וועט דיין אייגן קינד,
דיין שטערנשיין
אַרומטראָגן אויף אַקסלען.
פאַרשטייסטו שוין אַצינד,
אַז ס׳לעבן דיינס
הויבט אָן זיך ערשט צעוואַקסן?

פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס
אַ פריידגעמיט
באַשערט דיר לאַנגע יאָרן?
זאָל האָבן דער פאַרדראָס,
וואָס האָט זיין ליד
ביים לעבן אָנגעוואָרן!!!

1959

# רויטע בלומען... [59]

חיה׳ן, אין אייביקן אָנדענק

## א

### ווי קען איך גלויבן?...

ווי קען איך גלויבן, אַז דו ביסט פֿאַרגאַנגען?
איך הער דאָך אַזוי קלאָר דיין שטים אין ליד.
אין כאָר פֿון אַלע מאַרשן און געזאַנגען
מיין אויער כאַפּט דעם אָפּהילך פֿון די טריט,

וואָס דו שטעפּסט אויס אויף תל-אַביבער ברוקן —
אַ פּאַן — האָסט זיך געטראָגן אין פּאַרויס
און איך פּלעג גאָרניט זאַט ווערן צו קוקן,
ווי ס׳ליכטיקט אויף דיין מענערישע פּויסט...

דיין האַרץ, גלייך ס׳וואָלטן פֿליגלען אים געטראָגן —
געריסן האָט זיך ווי צום האָריזאָנט
און אין דיין גרויסן בליק פּלעגט אייביק טאָגן
די לעצטע שלאַכט צום זיג וואָס איז שוין נאָנט.

ווי קען איך גלויבן, אַז דו ביסט פֿאַרגאַנגען,
אַז ס׳וועט שוין מער דיין קרעפּטיקע געשטאַלט
ניט עפֿענען קיין טיר און ניט אַריינגיין,
ניט זעצן זיך ביים טיש און אָט אַ באַלד,

זיך אויפֿשטעלן און נעמען ריידן, ריידן...
ווי פֿריש, זי קלינגט נאָך אַלץ דיין שטים אין ליד —
דיין שטים, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל פֿריידן,
כאָטש ס׳האָט אַ צער גענאָגט אין דיין געמיט...

## כ

## ביים אַנדענק פון די העלדן

כ׳געדענק, דאָס איז געווען אין וואַלד פון גרויסן זיג [60] —
ביים אָנדענק פון די העלדן-רויטאַרמייער —
פון זייער בלוט דער ליכטיקער פאַרזוי פון גליק —
יהודהס בערג די קערנדלעך געדייען...

דער ים פון הימל-תכלת — דורזיכטיק און ווייט,
גלייך ער וואָלט אַלע ברעגן איינגעשלונגען.
אַ רייזנקראַנץ פון גאָלד בשפע און פאַרשייט
פאַרפלייצט האָט אַלע טאָלן און פאַרקלונגען...

אין אָט דעם גינגאָלד-באַרגיק-פריידיקן גערויש,
אַן אָדלער זע איך מיט צעשפּרייטע פליגלען —
דאָס האָסטו דו זיך אין אַן אָדלער גאָר פאַרטוישט —
אַ גרייטע אין דער ווייט אוועקצוהיגלען...

נאָר אַנשטאָט פליען, הער איך נאָר דיין זילבערשטים —
איעדעס וואָרט ווערט פֿאָליענדיק צעשאָטן...
ניין, ניט קיין אָדלער, נאָר אַ שטערן, אים
ביסטו געוואָרן פלוצלונג דאָ געראָטן —

האָסט אויפגעהויבן זיך, אַוועקגעשווומען ווייט,
נאָר ס׳איז דיין שיין אויף אייביק אונז פאַרבליבן.
ווי לאַנג עס וועט געהערן אונזער האַרץ די צייט —
מיר וועלן זי, דיין שטערנשיין, אַלץ ליבן!

ה

## אין טאָג פון ערשטן מאי

ווי דאָס וואָלט נעכטן, נעכטן ערשט געווען:
אַ טאָג האָט זיך געשטעלט דער ערשטער מאַי,
אין גאָלד געטוקט. געפרילינגט האָט דיין וועזן...
און ווי דער פרילינג — יונג אַזוי און נײַ,

האָסטו געשפּאַנט מיט אויפגעפּאַכטע אָרעמס
און דיר ביים זייט — דיין יובל אין דער מיט...
פאָרויס די פאָן פון אונזער גרויסער צאָרן,
און הינטער איר — דיין ליבשאַפט און דיין ליד.

איך האָב געוווּסט: אין אָט די ערשטע רייען,
מאַרשירט דער שטאָב פון אונזער גרויסער שלאַכט!
און ברידער פון דער מי אַליץ גייען... גייען...
אַז מיר האָט זיך אין יענער שעה געדאַכט —

די מאַמע מיטן קינד — אַ מאָרגנשטערן,
וואָס לייכט אַריין אין אונזער האַרבער צייט.
ווי גוט איז דאָן געווען דיין שטים צו הערן
אין גרויסן ברידערצוג מיט דיר ביי זייט —

ס׳האָט אויפגערוישט מיט פרייד דער ברוק פון יפו,
זיין אַלטער פּנים האָט זיך יונג צעלאַכט...
אין אָט דעם טאָג פון בלוינג און פון שאַפן
אויף אייביק איז אַריינגעוועבט דיין פּראַכט.

ד

## רויטע בלומען...

רויטע בלומען אויף דיין יונגן קבר —
גליִען זיי ווי טראָפּנס פון דיין בלוט —
אויסגעגנאָגטע פון דיין מינדסטן אבר —
אימהדיק-אַכזריותדיקער גלות...

רויטע בלומענקראַנצן, ווי זיי ברענען
אויף דיין קבר אַ נר תמיד היינט —
וועלכער ווינט וועט אים פאַרלעשן קענען,
אַז ער ברענט אין בליקן פון די פריינט?

רויטע בלומען — אַ צעפלאַמטער שייטער —
ווערט דער פייער גאָרניט קלענער, ניין! —
ברענט ער דורך די נעפּלדיקע ווייטן,
אַז דער האַרבסט אין הערצער נעמט צעגיין...

רויטע בלומען, כ׳האָב זיי אויפגעקליבן —
טויזנט הערצער-קלאַפּן — איין בוקעט.
די וואָס האָט געקענט אַזוי שטאַרק ליבן —
אונזער ליבשאַפט אייביקן איר וועט!

רויטע בלומען, זיי וועלן מיר סטייען
אויף אַ לעבנלאַנג צו פלעגן אויף דער ערד —
כ׳לייג זיי אויף דיין יונגן קבר, חיה,
מיט דער הייסטער טרער מיינער באַטרערט...

אָקטאָבער-נאָוועמבער, 1960

III

# מגדל-לענין

# אין מאָסקווע

גאַס איין, גאַס אויס, דורך דיינע ליכטיקע בולווארן
איך שפּאַן אַרום און ס'ווערט מיין טראָט ניט מיד.
זינגט דיין גערויש אַריין אין מיר אַ ליד.
דיין יעדער נייער קלאַנג טוט מיר צו זיך פאַרנאַרן...

דיין יעדער נייער ראָג — מיט היימישקייט פאַרבעטן,
ביז אומגעריכט עס גיט אין בליק אַ בלענד
דער רויטער פּלאַץ, די רויטע קרעמל-ווענט.
אַ, זיי געגריסט דו הויפּשטאָט פון סאָוויעטן! —

געקומען איז אַ יידישער פּאָעט
מיט אויפגעבראַוזטער פרייד אין זיינע בליטן...
מיט ציטער אינם האַרצן ער באַטרעט

די ערד דיינע אין פרידן אַ באַרוטע,
ווו יעדער שפּאַן דערציילט די רום פון מענטש,
וואָס איז מיט גליק פון פרייער מי געבענטשט.

מאַי, 1946

# אַ מנהג אַזאַ אינעם לאַנד

זעץ זיך צו, זעץ זיך צו נאָך אַ ווייל,
ס׳איז אַ מנהג אַזאַ אינעם לאַנד,
און בלייב רואיק אַזוי, ניט געאיילט,
גיב דיין שכן אַ דריק ביי דער האַנט...

זעץ זיך צו נאָך אַ ווייל בלויז און שווייג,
און געזעגן זיך שטיל מיט ארום;
מיט דעם זילבער-פאַרפרושעטן צווייג,
וואָס אין פענצטער ער העלט אַריין שטום...

מיט די בערג וועלכע גראָען אין בלאָ,
וואָס דיר דאַכט, דו דערלאַנגסט מיט דער האַנט,
מיט דיין היים, וואָס געפונען האָסט דאָ,
אַז פאַרלאָזן איר, טוט אַזוי באַנג...

ס׳איז אַ מנהג אַזאַ דאָ פֿאַראַן.
און וואָס קענסטו דען זאָגן דעם לאַנד,
וואָס איז דיר אַנטקעגן געגאַן
אין די טעג פֿונעם אומקום און שאַנד ?

און וואָס קענסטו דען זאָגן איצט מער,
אַז דאָס אַלץ, וואָס פֿאַרבליבן איז דיר —
אַט דעם לאַנד שוין אויף אייביק געהערט —
יעדער הויף, יעדער מינדעסטער ריר,

יעדער קלאַפּ פֿון דיין אייגענעם האַרץ
צו פֿאַרדאַנקען דו האָסט דאָך דער ערד,
וועלכע איז דיר אין גרויליקן האַרבסט
צו באַטרעטן געווען דאָן באַשערט...

זעץ זיך צו נאָך אַ וויל, זעץ זיך צו,
ס׳איז אַ מנהג אַזאַ אינעם לאַנד —
זיך געזעגענען שטיל אין דער רו
און זיך שווייגנדיק דריקן די האַנט...

אלמא-אטא, 1945

# דער מגדל לעניין

## (פּאָעמע)

### א

### ו ו י ז י ע

ווי אַלט, ווי אַלט איז שוין די מעשה!
דער רבי מיט דער רויטער באָרד
הערט אויף די קינדערלעך צו שמייסן...
און פון זיין מויל אַ וואָרט נאָך וואָרט

מיט זיסן פייגנהאָניק טריפן...
און מיט אַ מאָל, דו זע נאָר, זע:
די שורות פון די חומש-שריפטן
צעוואַקסן זיך אין ריזן-ווענט —

אַ טורעם בויט מען אויס צום הימל,
פון דער בראשיתדיקער ערד —
אַריבער וואָלקנס — אַ געווימל,
אַז קוים מען זעט און קוים מען הערט...

און בעט ווער ליים, דערלאַנגט מען וואַסער.
און שרייט ווער: וואַסער! — טראָגט מען ליים...
די מענטשן, אַלע פאַרבן, ראַסן,
כאָטש שטאַמען פון דער זעלבער היים —

צעמישט האָט מען זיי די לשונות.
און ווען ביים סאַמע שטערן-וועג
דער שפּיץ פון טורעם האָט פאַרציינערט —
געקומען זיינען שווערע טעג —

צערונען איז דער שיינער חלום,
ווי ס'איז אין חומש אויסגעמאָלט —
די בויער האָט פאַרפעלט דער שלום...
ס'האָט יעדערער פאַר זיך געוואָלט

וואָס מערער הימל צו פאַרכאַפּן,
וואָס מערער זון פאַר זיך אַליין,
וואָס מער פאַר זיך דערזען, דערשנאַפּן —
די נויט פון ברודער ניט פאַרשטיין... —

דאָס האַרץ — פול שלעכטיקייט און שנאה
דער בליק — צעזאָטן פון פאַרדאַכט,
אַז ס'זאָל אַ צווייטער ניט געפינען,
וואָס ער, פאַר זיך האָט צוגעטראַכט...

און דאַן געשעען איז דאָס ערגסטע:
אין איינעם פון די טעג, אַ טאָג,
ווען ס'האָט דאָס בייז ביים האַלדז געווערגט שוין —
די שנאה — אינעם מאַרך גענאַגט —

אַ שלאָג געגעבן האָט אַ שטורעם! —
צעשמעטערט איז אַ פאַל געטאָן
דער ניט-דערבויטער בבל-טורעם
פון סאַמע שפּיץ, אַראָפּ צום דנאָ...

פון דעמאָלט, ווי אין אַלטע שיימות
פאַרשריבן איז אַ יעגע צייט:
פאַרבליבן בלויז נאָר ברוך און שטיינער,
וואָס זייער אייביקער באַדייט:

אין ברודערשאַפט בלויז, אין געטרויען,
אין גרויסן איידעלן פאַרמעסט —
אַ הימל-טורעם זאָל מען בויען,
און ווער אַט דעם געבאָט פאַרגעסט —

זאָל ער נישט פּרווון גאָר אפילו —
זיין בויען איז אומזיסט, אומנישט —
אין טרויער זאָל ער זיך פאַרהילן,
דעם טרוים פאַרטרעטן מיט די פיס!...

ב

## דער מגדל לעניך

אַזוי האָט זיך דערציילט די מעשה,
נאָר זע: די מעשה איז שוין וואָר!
אין הימל דאַרפסט דיין קאָפּ פאַרררייסן...
צום מגדל לעניך, ווו אַ דור —

אַרויפגעקלעטערט איבער וואָלקנס —
ער לייגט די ציגל, מישט דאָס ליים
און אין זיין מי פאַראַן אַ טאָלק איז...—
אַלץ העכער וואַקסט זיין הימלהיים!

ניט ווי אין חומש איז באַשריבן,
אַז ס׳האָט אַ בבל-דור, די רייד
צעמישט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרטריבן
פון שאַפן איז געווען די פרייד...

אָ, ניין! דער מגדל לעניז, העכער,
מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה!
צעשפּרייט, אין רחבות אויפגעפּעכערט —
מיין דור איז אין זיין מי פאַרטאָן —

זיין בליק די ווייטן אַלץ דעראָבערט —
זיין טרוים צעוואַקסט זיך מער און מער!
באַהעלט פון רומפולן אָקטאָבער —
זיין ליד צעפּרילינגט אויף דער ערד...

ניטאָ שוין אין דער וועלט קיין ווינקל,
ניט קיין באַהעלטעניש פאַראַן,
וווּ ס׳זאָל דער פּורפּור-שטערן-פינקל
ניט האָבן אין דער נאַכט דערגאַן...

אַפילו אין דעם ווייטסטן דזשונגל,
וווּ נאָר דאָס לעבן האָט אַן עק —
די שיין פון קרעמל רייסט אויף יונגפּול
דורך דער געדיכטעניש אַ וועג!

אַפילו אין דער טיפסטער ערדשאַכט,
אין סאַמע טיפסטן גרונט פון ים,
פון פינצטערנישן, זע, די גרויסמאַכט,
זי פלאַקערט אויף אין קרעמל-פלאַם...

נאָר גרעסער פאַר די אַלע וווּנדער,
נאָר שענער פאַר דעם שענסטן ליד —
אין אונזער שטאָלענעם יאָרהונדערט —
די האָפענונג, וואָס אויפגעגליט

האָט ווידער ביי די מענטשנקינדער,
אַז אָפן איז דער שטערנוועג
פאַר די חלומות פון דערפינדער,
וואָס פירן פון דער ערד אַוועק

צו אַלע וויטסטע זון־פּלאַנעטן,
וווּ ס'וואַרט דעם מענטש דער שענסטער סוד,
וווּ קינדער בלויז נאָר און פּאָעטן
געשטעלט האָבן דעם ערשטן טראָט...

די ליים־מישער — אַלץ העכער, העכער
פאַרקלעטערן שוין אין אין־סוף...
און באַטש ניט איין מאָל די פאַרשווערער —
פון קנאה און פון האַס געשטראָפט —

שטאָט עמוערס וואַסער — בלוט... דערלאַנגען,
שטאָט קעלניעס ליים — זיי ליגן סם
אַריין אין אונזערע געזאַנגען —
ברענט העלער אויף דער קרעמל־פּלאַם

אין אויגן פון די טורעם־בויער.
פון אַלע ליבשאַפטן געבענטשט —
דער פרייד פון שאַפן זיך פאַרטרויען —
זיי הייליקן דעם נאָמען מענטש...

# פ ע ר צ י ק   ט ר ע פ

## א

צום מגדל לענין לייגט די טרעפ מיין דור.
די ערשטע טרעפ — אַ מי-און-מאַטער-יאָר,

אַ יאָר פון צער, פון אומרו און פון פרייד —
פון חלום אין דער רויער ערד פאַרזייט...

אַ יאָר פון אָנשטרענג, ביטערן פאַרמעסט,
ווען אינעם האַרץ דער צווייפל זיך פאַרפרעסט

און די אַנטוישונג, ווי אַ וואָרעם נאָגט.
און די באַלוינונג — נאָך אַ הונגער-טאָג...

אַ יאָר פון פרעסט אין ניט-באַהייצטער היים —
דער עלנט ווייגט אין באַטקעלעך פון ליים.

די שקיעה בלוטיקט ביי אַ יעדער שטוב
און ס'איז די נאַכט אַן אויסגעהוילטע גרוב —

אַריינצופאַלן אין אַ לעצטן שלאָף
און ריכטן זיך, אַז נאָענט איז שוין דער סוף...

נאָר מיט אַ מאָל עס גיט אַ שיין אין בליק
דער ערשטער, גרויסער, אומדערוואַרטער זיג!

אַזאַ איז עס געווען דאָס ערשטע יאָר —
די ערשטע טרעפ פון דעם אָקטאָבער-דור.

ב

דערנאָך אַ טרעף אין וונדן אויסגעלייגט —
אין בירגער־קריג און ימען בלוט געווייקט —

קאַלטשאַק, דעניקין און מאַכנאָ און נאָך —
דאָס ראַטנלאַנד — איין גרויסער, וויסטער בראָך!

אַ פראָנט געזיגט, דער צווייטער שטייט אין קאָן —
אין היימען בושעוועט דער רויטער האָן...

און אָפּט, גאָר אָפּט פאַרברעכן זיך די הענט —
אַליין שטאַרקער שטיקט די געלע אינטערווענץ.

פון אַלע זייטן ענגער ווערט די רייף —
די קאָנטרא גרייכט צום האַרצן, זעצט אין שלאָף

פון אַרבעטער און פויערישער מאַכט —
קיין רו ניטאָ ביטאָג און ניט ביינאַכט.

דאָס ברויט באַהאַלטן, דער קולאַק זיין פויסט
שטעלט חוצפּהדיקער מער, אַליך מער ארויס...

און ס'דאַכט זיך אָפּט, אַז בלויז אַ גרויסער נס
פאַרהיטן קען אַקטאַבערס יונגע נעסט...

און ס'איז דער גרויסער נס געוואָרן וואָר:
צאַריצין האָט געקרוינט מיט זיג דאָס יאָר!

און דער נצחון פון דער אַרבעטער־אַרמיי —
אַ נייע טרעפּ ביים טורעם אויסגעלייגט!

ג

צו רוען אויף די לאַרבערבלעטער — פרי!
און ס׳קומען יאָרן פון דער שווערער מי:

פון חורבות אויפגעהויבן אַ זאַוואָד —
צום שפּיץ פון מגדל לענין נאָך אַ טראָט.

ווערט אויפגעאַקערט אַ פּאַרוואַרלאָזט פעלד —
דער ראַטן־הימל מערער אויפגעהעלט.

בויט אויס די „בעזפּריזאָרנע“ קינדהייט זיך אַ היים —
קערט אום די פרייד אין הייזקעלעך פון ליים

און היימישער עס ווערט אַלץ אין די שטעט —
מען שווענקט שוין אויס די מוחות פונעם גרעט...

און ס׳נעמט דאָס לאַנד אין האַנט אַריין אַ בוך...
דער דורותדיק־פאַרשימלטער גערוך

פון דער איקאָנע — מיטן ווינט פאַרווייט —
דאָס גאַנצע הײמלאַנד אין „ראַבפאַקן“ גייט...

אײַ איז עס געווען אַ צייט אַזאַ —
די ערב־„פּיאַטילעטקעס“ אינעם לאַנד!

ד

צייל די טרעף פון פאַלקישן פאַרמעסט —
די טורבינעס ביי דעם „דניעפּראָגעז״

זינגען אויס שוין זייער מעכטיק ליד —
אַ טורבינע פון איעדערנס געמיט

זעצט מיט פרייד אַרויס אַיעדעס מאָל,
ווען די מאַרטענס גיבן נייעם שטאָל...

פון מאַגניטאָגאָרסק דאָס אייזן קומט.
פון דאָנבאַס — אַ הייסע שוואַרצע זון.

פון טאַשקענט — די טייכן באַנוולשניי...
אין קאַזאַן די שפע איבערגייט —

לויפן באַנען דורך דאָס גאַנצע לאַנד —
פירן גליק פאַר אַלעמען באַנאַנד!

זע, די טרעף זיי ווערן העכער, מער!
און די רום סטאַכאַנאָוון געהערט.

גייט די שלאַכט אַן נאָך פאַר אַ פּראָצענט.
און די מוחות אין געיעג מיט הענט —

גיכער, שנעלער נענטערן צום ציל
און דער ציל פון חלום ווערט אַנטהילט...

דאכט זיך, אַז די ברכה אויף דער ערד
איז דעם מענטשן אייביק שוין באַשערט

און צום קאָמוניזם אין דער ריי,
זיכער פירט לענינישע פאַרטיי!

ה

נאָר ווי און ווינד! ביים מגדל לענין ווערט
אַ נייע טרעפּ פּאַרלייגט — אַ פּאַלקיש טרער!

און אַ געוויין ברעכט אויס פון יעדער ברוסט —
אַ שונא שיסט באַהאַלטן פון אַ קוסט...

דער הימל פונעם הײמלאַנד מיט אַ מאָל
פאַרוואָלקנט ווערט פון כמאַרעס גרויען שטאָל...

און וווּ ניט ווו, אַ פייער אויף דער ערד
שיסט אויף, פאַרטויבט אַזש דאָס געהער.

די נאַכט איז איינגעפאַלן מיטן שלאָף
און ס'דאכט: צום לעבן נעמט אַ סוף!

די גאַנצע שפע שווימט אין בלוט אַוועק
און ס'שפאַנט דער אומגליק איצט אויף יעדן שטעג...

אוי גאַטעניו, ווי האָסטו עס דערלאָזט!
אַ קינדעלע, וואָס שפּילט זיך אויפן גראָז —

אַ מערדער האָט אין אים געניו געצילט
און נאָך אַ שאָס האָט דאָס געוויין פאַרשטילט...

אַ מאַמע מיט אַ זויגלינג ביי דער האַנט —
זיי וואַלגערן זיך טויטע ביי דעם ראַנד —

אין אויגן פרירט דער אויסגעשריי: „פאַרוואָס“?! —
געענטפערט האָט איר בלויז אַ ביקסן־שאָס...

אַ רויבפויגל פון בלאַנקנדיקן שטאָל
האָט דורגעטראָגן דאָ זיך מיטאַמאָל

און נידעריק ביים סאַמע ראַנד פון פעלד
אַ שאַנד-אַנדענק אויף אייביק זיך געשטעלט...

אַ קללה רייסט זיך אָפּ פון יעדנס מויל
פאַר אָט דער רוצחיש-אומזיניקער קויל —

געטראָפן אינעם סאַמע האַרץ אַריין.
נאָר זע, ביז ווייטיק קלאָר דער זין פון אָט דער פיין —

איז נאָך אַ שעה, איז נאָך אַ לאַנגע נאַכט
ביים וואַרשטאַט, אין פאַבריק און אין דער שאַכט —

איז נאָך אַן אָנשטרענג פאַרן גרויסן פראָנט —
ס׳איז היטלער ימח שמו שוין נאָנט, גאָר נאָנט! —

צום האַרץ פון ראַטנלאַנד בליץ-שנעל דערנענט —
ער זעט שוין מאָסקווע — די קרעמל-ווענט —

אַ פאַלנדיקע ביי זיין זיגער-טראַט...
נאָר ס׳האָט דער נאַצי ניט געקענט די ראַטנשטאָט!

און שטאָט מיט ברויט און זאַלץ, באַגעגנט אים
אין קרעמל, האָט פון פאָלק די שטים:

ס׳איז אונזער זאַך גערעכט און אונז — דער זיג! —
אויף אונזער גאַס וועט אויפשיינען דאָס גליק!

און דעמאָלט איז געשען דער צווייטער נס:
ס'איז מאָסקעווע אַרויס אין אַ פּאַרמעסט

מיט דער מגפה נאַצישער פון רייך
און אויף די כוואַליעס פון דעם וואָלגע-טייך,

ביים סטאַלינגראַדער רום-באַקרוינטן ברעג
עס דויערט, נאָך דער חיה, דער געיעג...

דורך ערד דער אויפגעריסענער אין צער און ווייי
עס שפּאַרט פאָרויס די אַרבעטער-אַרמיי!

אין געטאָ וואַרשע דויערט נאָך די שלאַכט,
נאָר ווער אַן אויער האָט, דער הערט, ווי ס'קראַכט

דער הימל איבער נאַצישן בערלין —
דער „לעצטער וועג צום טויט" אין אַשוויענטשים

ווערט אויפגעריסן דאָרט אויף פּוילנס ערד —
וויש אָפּ מיין יידיש פאָלק דיין גרויסע טרער...

כאָטש ס'איז דיין בלוטן-אָפּפלוס גרויס, ווי גרויס —
פון בונקערס און פון קעלערס קום אַרויס!

פאַרטרייב פון האַרץ די קנוילן שוואַרצע שרעק.
זאָג קיינמאָל ניט, אַז ס'איז דער לעצטער וועג!

אין וואַרשע, הער: די שלאַכטן גייען אָן —
פון אויפשטאַנד פלאַטערט דאָרטן נאָך די פאָן.

די איינִיקלעך פֿון מכּבּייער, זייער ליד —
זי הילכט צום טאַקט פֿון רויטאַרמייער-טריט...

די „נאַכט פֿון דער פֿאַראַכטונג" שוין ביים סוף.
שטיי אויף, מיין יידיש פֿאָלק, פֿון טויט-שלאָף —

דער ביינערטאָל זאָל געבן זיך אַ ריר! —
און אויף בערלין — אין שוואַרצער שרעק פֿאַרפֿרירט —

דאָרט אויפֿטאַנצן דעם גרויסן פֿעלקער-זיג —
דעם טאַנץ פֿון שלום און פֿון מענטשנגליק!

ז

אַזוי פֿיל טרעפּ ביים מגדל לעניִן שוין,
און יעדעס יאָר מיט נאָך אַ טרעפּ באַלוינט.

מיט שענסטע אָרנאַמענטן רייך באַצירט —
דער טורעם-שפּיץ אַלץ העכער, העכער פֿירט!

די אומשטערבליכע העלדן-טאַט ביים פּראַנט,
וואָס זאָיעס שבועה אייביק אונז דערמאַנט —

די גבורה אין דעם יונגן דור דערוועקט
אַנטקעגן קאָמוניזם-וועג.

אין רום באַשטראַלט איז דאָס סאָוויעטן-לאַנד —
און איבער אים, דער רויטער שטערנבראַנד —

ער לאָקט די גאַנצע מענטשהייט פֿון דער וועלט —
אַ זיבער-קאָמפּאַס צו דער נייער צייט —

פון ליבשאַפטן אַן גרענעץ, אַן אַ מאָס,
ווען ס'וועט די שווערד — פון זשאַווערן פאַרראָסט —

אַן אָנדענק זיין בלויז פון דער גרוילנוואָר...
פאַר יעדן אונטערקומענדיקן דור.

ח

די פּערציק טרעפ שוין אָפּגעציילט ביז איצט —
אַ יעדער טרעפ — אַ יאָר אין שטיין פאַרקריצט.

אי פריידן אומגעהייערע אַ סך, אַ סך.
אי וווּנדן, וואָס פון ס'ניי זיך אויפגעמאַכט...

אי לידער אַנגעקוואָלענע פון שאַפונגס-גליק,
אי שבעה-שלאַכצן אינעם האַלדז פאַרשטיקט —

אין ניגון יידישן אַן אומעטיקער טאָן —
פון וואַנען זאָג, פון וואַנען קומט ער אָן?

אַז אונזער פרייד איז דאָך אַ ברוּיזנדיקער טייך...
און מיר, מיר זיינען דאָך אַזוי מין רייך,

אַז צו די הימלען טראָגט אונז דער געזאַנג —
טאָ זאָג, פאַרוואָס זאָל אונדז אַזוי זיין באַנג,

אַז בריען זאָל אין אויג אַ הייסע טרער,
פאַרוואָס אַזאַ מין טרויער אונז באַשערט?

אַז מיר — אין גרויסן יום טוב — פול מיט צער,
נאָך די, וואָס האָבן אויפן גליק זיך ניט דערוואַרט...

אוי, ניט פאַרגעסן וועלן מיר זיי איצט
ביים גרויסן, רייכן, יום טובדיקן טיש —

אַ ליכטל אָנצינדן אין פריידגעמיט —
פאַר זייער ניט-דערזונגען ליד

ט

אַזאַ איז אונזער בויען, און געדענק:
דער מגדל לעניין, ניט אומזיסט איז אונז געשענקט —

אין שווערער מי אַ דור האָט אים געבויט
מיט טיפסטן גלויבן אינעם טרוים פאַרטרויט —

ניט אָפּצווייכן פון דעם שטראַלנציל!
און כאַטש די פאָן — אין טרויער אָפּט געהילט —

איז שטאַרקער, קרעפטיקער פאַר אַלץ די פרייד! —
די פאָן פון ליבשאַפט און פון צאָרן הויך צעווייט

אַריבער אונזער שפּאַנענדיקן דור,
ביים טויער פון דער קאָמוניזם — וואָר!!!

שטשאווניצע-זדרוי — אָקטאָבער, 1957



# אין די בערג פון יהודה 61

אין די בערג פון יהודה גיי אויף,
ווי אַמאָל ס׳פלעגן אויפגיין די זיידעס —
זייער שפע דאָרט ברענגען צונויף,
מיט די ברידער צו טיילן אין פרייד עס.

דאָרט אויף איינעם אַ פעלדזיקן שיכט,
אין דער שיין פון די שקיעה-פאַרנאַכטן,
וועט אַ שומער-טאָן דיר אומגעריכט,
ווי אַן עדות פון רומפולע שלאַכטן —

גלייך פון גאָלד אויסגעהאַמערט אַ זייל,
וואָס זיין שפּיץ איז געקרוינט מיט אַ שטערן...
קני אַראָפּ דאָרט מיין ברודער, אַ ווייל
צום צופוסנס און דו וועסט דערהערן,

ווי אַ ניגון פון שטיין שלאָגט אַרויס.
און עס מישן זיך אויס דאָרט די טענער
פון אַ שטורמישן גאַנג אַלץ פאָרויס,
אַ געפלאַטער פון זיגרייכע פענער —

מיט נביאישן טרוים דורכגעגליט —
והיה באחרית הימים [62] —
אַט דאָס אייביקע אַלט-יונגע ליד,
וואָס אַלץ מעכטיקער קלינגט אויף זיין שטים! —

אים רוישט אויס יעדער צווייג פונעם בוים,
יעדער פויגל דערציילט דאָרט דעם וווּנדער:
ווי אַזוי ס'איז פון דורות דער טרוים
אויפגעגאַן אין דער וואָר פון יאָרהונדערט...

אין די בערג פון יהודה, דו גייי,
אויף דעם באַרג-אַרויף, וועסטו דערהערן —
אין דעם וואַלד פון דער רויטער אַרמיי —
דאָס געזאַנג וועגן זיגרייכן שטערן!

1955

# בראשית פון אַ צייט

פּאָעט, דיין ליד האַלט זיך נאָך ביי דער ערד.
דיין טרוים — ניט ווייטער פון די שטערן...
זאָג, וועמען איז דאָס גרויסע גליק באַשערט?
און וועמען וועט דאָס וונדערליד געהערן,

אַז ס׳איז דער מענטש פאַרגאַנגען ווייטער שוין —
דער מוח — אָנגעטאָן אים פליגלען...
פּאָעט, פאַרגאַנגען דיינע צייטן שוין,
אַז ס׳קען דיין האַרץ ניט איבערהיגלען

די אַלט-לשונותדיקע שוועל,
אַז יעדער וואָרט — אַ זקן ביים געבוירן,
אַז יעדער קלאַנג — אַן אָפּגעלעבטע וועלט?
פּאָעט, דאָס ליד פון די אין-סופן-יאָרן —

אַ יעדע רגע ווערט געשאַפן היינט!
ווי לאַנג וועט נאָך דיין מוזע שטומען?
אין מענטשנס בליק האָט שוין די קאָסמאָס-שיין
די ווייטסטע ווייטן איינגענומען...

און ס׳בלייבט פאַר דיר דער ווידערקול, ניט מער —
פון מוח דרייסטן די פאַרמעסטן.
פּאָעט, דאָס ליד, אָ ניט צו דיר געהערט,
ווייל דעם בראשית פון אַ צייט פאַרזעסטו...

אויגוסט 1960

# גאַגאַרין

אַ יעדערער קען זיין גאַגאַרין —
אויך דו! —
נאָר נויטיק איז דערצו:

דיין חלום זאָל די ווייט פאַרנאַרן,
דיין היים — באַפרייט פון אַלע צערן,
אַז ניט קיין קנעכט זאָלסטו זיין ביי די האַרן... —
אַן עוולה פאַר אַ ברודער — שטענדיק אַרן,
אַז פאַר דיין בליק בלויז זאָל דאָס שלעכטס פאַרדאַרן!
דאָס האַרץ פון קיין שום פּחד ניט פאַרשטאַרן,
ווען ס'וועט אַ שטערנהימל צו דיין ברוסט זיך שפּאַרן...

און אויב נאָך אַלץ דערצו
איז דיין געמיט מיט ליבשאַפטן באַרוט —
פאַרוואָס זאָלסטו ניט גאַרן
צו זיין
ווי
ער,
ג א ג א ר י ן ?!!!

מאַי, 1961

IV

# אין צער און צארן

# מיין שטאַם

ניין און ניין, דו וועסט מיין שטאַם ניט ברעכן —
ער איז דאָך יאָרן טויזנטער שוין אַלט!
און אין זיין טויזנטיאָריקער געשטאַלט —
אַ טיפער קנייטש וועט בלייבן נאָר פון דיין פאַרברעכן.

מיין שטאַם איז אַלט — אומזיסט האָט זיך דיין האַנט
אַ בלוטיקע אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע גלידער.
עס וועט אין טויזנטיאָריקן געוויין פון זיינע לידער
נאָר צוקומען אַ קללה-ליד איבער דיין שאַנד...

און ס'וועט מיין. שטאַם נאָך שטאַרקער זיין, פאַרהיילנדיק די ווונדן —
אַוועקשפּאַנען וועט ער מיט לייבנטריט אין זונענשיין.
אויף אייביק ט'דיין געדעכעניש צום שאַנדסלופּ צוגעבונדן —

אַ שרעקצייכן אויף אַלע וועגן פאַר די פעלקער זיין.
אַ, ניין און ניין, דו וועסט מיין שטאַם דעם אַלטן ניט צעברעכן! —
אַ טיפער קנייטש וועט בלייבן בלויז פון דיין פאַרברעכן!

אלמא-אטא, 1942

# די געלע לאַטע

די געלע לאַטע אויף דער פּלייצע פון מיין שוועסטער,
דער שטילער טרויער אין פאַרשמאַכטן בליק
און דער געשריי, וואָס איז אין האַלדז פאַרשטיקט —
זיי שלייכן זיך נאָך מיין געביין ווי גרויל־געשפּענסטער... —

זיי גרייכן דאָ צו מיר אין וויטן קאַזאַכסטאַן,
ווו ס'רוט אַ הימל שטענדיק בלאָ אויף שניי פון בערג.
אין יעדן ווײ פון מינדסטן ווינטעלע איך הער,
ווי ס'וויינט מיין שוועסטער אויפן צייכן פון איר שאַנד.

אָ, שוועסטער מיינע, ווו דו ערגעץ זאָלסט ניט זיין,
די געלע לאַטע, ניט קיין שאַנד איז זי פאַר אונדז! —
עס האָבן יידעס אונזערע אַמאָל אין פּיין —

זי טראָגן אויף די פּלייצעס זייערע געמוזט,
נאָר ס'איז דער שפּור פון יענע שונאים לאַנג צעשטויבט... —
וועט אויך דיין פיינט פאַרגעסן ווערן, שוועסטער, גלויב!

אלמאַ־אַטאַ 1942

## חתונה־טאַנץ...

(באַלאַדע)

ווײַן ניט, פידעלע, מײַן,
צו דעם טאַקט פון די טריט —
ס'איז אַן דיר גרויס דער פּײַן
און ס'געוויין אין מײַן ליד...

ס'איז אַן דיר גרויס דער ווײ,
וואָס איך טראָג אין מײַן האַרץ.
מײַנע האָר — ווײַסער שניי.
אין די בלוטן מיר — האַרבסט...

פול מיט שרעק איז מײַן בליק
און מיט גרויל — מײַן געהער...
וויג מיר, פידעלע, וויג
און ניט ווײַן אַזוי מער.

שפּיל אַ פריילעכס מיר אויס —
ס'זאָל אַ הויב־טאָן פון דיל,
אַז מײַן כּלה אַרויס
זאָל אין טאַנץ אַזוי שטיל...

מיר אַנטקעגן, מיט חן,
אינעם ווייסן געהילט...
ווי אַמאָל אין דער היים —
שפּיל מיר, פידעלע, שפּיל!

און אַרום אין אַ קרייז,
אַזוי יומטובדיק-העל,
ווי דער שניי אַזוי ווייס,
אירע טריטלעך זי שטעלט...

ניט זי טאַנצט, נאָר זי שוועבט,
אַזוי לייכט איז איר טראָט —
אַ, מיין כלהניו לעב
אינעם חתונה-דאָד.

שפּיל מיר, פידעלע, שפּיל!
זינג אַ לעבעדיקס אויס —
פון דעם ווינקל פאַרהילט
רוף מיין מאַמען אַרויס —

אין אַ זיידענער קלייד,
אין איר טערקישער שאַל —
זע, מיין מאַמע זי גייט,
ביי דעם קרייז זיך פאַרהאַלט

און ווישט אָפּ זיך אַ טרער
אויף איר אַלטן געזיכט —
אַזאַ ליכטיקע טרער...
און זי לאָזט זיך אויף גיך

אין צעעפּנטן קרייז
דאַן אַוועק אין אַ טאַנץ,
מיט אַ טיכעלע ווייס
אין איר בייניקער האַנט —

ניט זי טאַנצט, נאָר זי שוועבט..
ווי אַ ווינטל צעווייט —
אַ, מיין מאַמעניו לעב
אין איר זיידענער קלייד.

שפּיל זשע, פידעלע, מיר
און ניט וויין מער אַזוי!
גיב אַן עפן די טיר,
וואָס צום אַלקער אַרויס —

איבער הילצערנעם שוועל
טוט מיין טאַטע אַ שפּרייז
און ער גיט זיך אַ שטעל
פאַר מיין מאַמען אין קרייז —

די קאַפּאָטע אַ הויב
און אַ גלעט זיך די באָרד,
און דער כלה צו לויב
טוט אַ ריס זיך פון אָרט —

די קאַפּאָטע איז נײַ
אויף מיין טאַטן געצירט —
טאַנצט דער טאַטע פאַרביי —
פון דער מאַמען געפירט...

און די שטיוול אין גלאַנץ,
און די יאַרמלקע זייד —
זינגט מיין טאַטע אין טאַנץ
מיט אַ קול אַזאַ נייס...

מיט אַ קול אַזאַ זיס,
וואָס ביים האַרץ גיט אַ נעם...
אַזש פון אָרט זיך אַ ריס
טוט די כלה פאַרשעמט...

און די כלה אין מיט,
און דער חתן ביים זייט —
שפּיל מיין פידעלע מיר
און מיין טרויער צעשטריי!

ס'איז די חופּה שוין גרייט
מיט די דרענגעלעך פיר —
שטראַלט די מאַמע פון פרייד —
צו דער חופּה מיך פירט —

צו דער כלה, וואָס שטייט
אינעם ווייסן געהילט,
נאָר מיר דאַכט זיך, זי וויינט...
שפּיל מיין פידעלע, שפּיל!

שפּיל אַ לעבעדיקס אויס
און ניט וויין אַזוי מער!
טרייב דעם טרויער אַרויס
פון איר האַרץ דאָס באַשווערטס...

נאָר מיין כלה, זי וויינט...
און מיר דאַכט, אַ אַ שרעק! —
ס׳איז איר פּנימל חנ׳ס
בלויז אַ בלוטיקער פלעק...

און אַ טרער נאָך אַ טרער
פון געזיכט אירן פאַלט,
טראָפנס בלוט — יעדער טרער —
אויף איר ווייסער געשטאַלט.

אָ, דו כלהניו מיין,
וואָס געשען איז מיט דיר?
וואָסער שרעקלעכער פּיין
האָט דיין האַרצן גערירט?

וואָסער שרעקלעכע האַנט
האָט פאַרשטערט אונזער פרייד
און באַדעקט האָט מיט שאַנד
איצט דיין חתונה-קלייד?

און מיר דאַכט, אָ, אַ גרויל! —
אין איר טערקישער שאַל,
מיט אַ שרעקלעך געהויל
טוט מיין מאַמע אַ פאַל —

טוט אַ פאַל צו דער ערד
צו מיין כלהניוס פיס...
און מיט שווידער כ׳דערזע
דורכן פענצטער אַ ביקס —

גלייך אין טאַטן געצילט,
אין זיין האַרצן אַריין...
שפּיל מיין פידעלע, שפּיל
און פאַרשפּיל מיר דעם פּיין! —

אין צעוויטיקטן בליק —
מיר דעם שוידער פאַרשטיל:
ס'האָט דער דייטש מיטן ביקס
אַזוי ווילד זיך צעהילכט

און געלאָזט זיך אין טאַנץ
אין מיין חתונה-נאַכט —
מיט מיין כלה באַנאַנד
און ער לאַכט... און ער לאַכט...!!

שפּיל אַ פריילעכס מיר אויף
פאַר מיין עלנטן האַרץ —
פול מיט גרויל מיין געמיט! —
אין די בלוטן מיר האַרבסט...

שפּיל מיר אויף און ניט וויין —
אַזוי גרויס איז מיר מיין צער!
כ'בין געבליבן אַליין
פון דיין ניגון פאַרנאַרט...

אַלמאַ-אַטאַ, 1942

# אין קאַנאַל אויף פּראָסטע גאַס [63]

ס׳האָט עמיצער מסתּם עס אויסגעטראַכט:
אַ פלאַמענוועלט מיט פלאַקערדיקע גופים...
אַ הימל, וואָס מיט אויפרייסן ער קראַכט,
אַן ערד, וואָס טאַנצט פון בלוטן בגילופין...

אַ גרויל־נבילד פון עמעצן געמאָלט
און אַלע פאַרבן אויסגעמישט ביז שווידער...
ווו ס׳רעדט די שטילקייט מיט האַרמאַטן־קול
און דער געוויש — אין שווייגעניש צעהוידעט...

אַ חלום־שטאָט אין פייער אויסגעשפינט —
אַן אויסגעטראַכטע וועלט, וואָס ניט פון דאַנען:
אַ מאַמע וואַרפט פון פינפטן שטאָק אַ קינד!
צי איז אַ מאַמע גאָר אַזאַ פאַראַנען?

אַ טאַטע, וואָס זיין הויזגעזינט פאַרלענדט...
און לאָזט זיך אין אַ קאַראַהאָד צו טאַנצן
מיט פלאַמען, וועלכע שיסן פון די ווענט —
זיין שויבערקאָפּ די גאַלדפונקען באַקראַנצן...

אַ שוועסטער אין אַ ווייסער חופּה־קלייד —
די בעקעלעך מיט ערשטער צניעות בליען...
אַנטקעגן דעם באַשערטן טראָגט די פרייד
און פאַלט אַ גוססע צו זיינע קניען.

אַ ברודערל — אַ זיידן פירט ביים האַנט
און ביידע זיינען טאַנצנדיקע פלאַמען
פון ערגעץ אַזאַ אויסגעטראַכטן לאַנד —
אַ חלום־וועלט, וואָס זי איז ניט פון דאַנען...

ב

נאָר אונטן אין דער איינגעוויידפון ערד,
ווו ס'האַלט די נאַכט איר אייביקייטס-ממשלה,
דאָס לעבעדיקע לעבן האָט געיערט...
די וואָר איז אויפגעגאַנגען פונעם חלום.

די מענטשן, ניט מלאכים — פליש און בלוט —
די פייערפליגלען — אויסגעברענטע אַשן...
דאָ ווייסט מען, וואָס ס'איז שלעכטס און וואָס איז גוטס —
דעם זין פון שטילקייטן און פון גערעשן...

דאָ אָטעמט מען מיט פולער הייסער ברוסט,
אַטש ס'איז די לופט אַ שטייענדיקער וואַסער.
דאָ בענקט מען נאָך אַ פרילינגדיקן קוסט,
מיט לייב וואָס איז חדשים ניט געוואַשן.

דאָ גילט פון לעבן נאָך דער זיסער טעם...
און ס'האַרץ קלאַפּט אויס צום טאַקט פון גרויסן ניגון,
כאָטש אינעם בליק זיך רויכערט נאָך דער פלאָם
פון אויסגעברענטער היים און ווּיסטע וויגן...

דאָ שפּירט די האַנט דעם קאַלטן שטאָל פון ביקס
און יעדער וואָרט האָט נאָך זיין פולן זינען...
און די נקמה איז דאָס גרעסטע גליק,
— וואָס ס'קען אַ ייד נאָך אויף דער ערד געפינען —

דאָס גרעסטע גליק צו שטיין אנטקעגן פיינט
און מיט אַ קויל אין נאַצי-האַרץ צו צילן —
פאַר אַלע טייכן טרערן, ימען פיין —
די פריידן פון נצחון צו דערפילן...

דאָ ציט זיך יעדער מינדסטער גליד צום ליכט,
ווי ס׳ציט אַ בלום זיך צו דער זון באַגינען...
און וואָס געדיכטער ס׳איז פון נאַכט די שיכט —
אַלץ הייסער דער באַגער אַ שטראַל געפינען —

אַ שפּראָצל ליכט, אַן אָנזאָג פון אַ טאָג,
אַ סימן, וואָס די ברידער דאַרפן געבן —
פון אויבן דאָרט אויף פּראָסטע, ביי אַ ראָג,
ווו ס׳איז אַ המשך נאָך פאַראַן צום לעבן...

„דאָרט איז זי דאָ, דאָרט קעמפט די פּ.פּ.ר.!
דער חבר קשאַטשעק וואַרט אַפּ אונזער קומען —
אַ ברודער פון דער פּראַצע און געווער —
אַ האַריץ, וואָס האָט אַ שלאַכט-גערום פאַרנומען“

און וואַרעמער עס ווערט אין הוילן גוף.
און ליכטיק ווערט אין חושך פון קאַנאַלן,
כאָטש קיינער הערט ניט, הערט מען דאָך דעם רוף,
כאָטש קיינער זעט ניט, העלן אויף די שטראַלן...

ג

ווי לאַנג, ווי לאַנג עס דויערט שוין דער וועג —
פון מוראַנאָוו ביז פּראָסטע — אַ מהלך!
ווער האָט געציילט דען אין קאַנאַל די טעג,
אַז אַלץ פאַרהילט איז אין אַ חושך-ליילעך —

ווער קען דעם אונטערשייד פון טאָג און נאַכט? —
די פיס, זיי בויגן זיך שוין אָפּט אַנידער...
אין האַרצן וואַקסט אַלץ אַן מער דער פאַרדאַכט:
צי וואַרטן זיי, צי וואַרטן דאָרט די ברידער?

און שווערער אויף דער פּלייצע ווערט די ביקס —
אַ חבר פאַלט אַריין אין טיפער בלאָטע
און ס׳ווערן אָרעמס צוויי אַ רעטונגס-בריק,
ביז ס׳ווערט די רעטונגס-בריק שוין אויך צעשאָטן...

דער הונגער בויערט אוים אין גוף אַ לאָך —
אַ ליידיקייט ביים האַרץ, וואָס ווערט אַלץ גרעסער...
און נאָך איינער עס טוט אַ קרעכץ שטיל: אָך! —
צו שטאַרבן פון אַ קויל איז אויך שוין בעסער,

ווי אויסצוגיין ביי אַט די קברים-ווענט,
אין אַט דער פּוילעניש צו פאַלן, פאַלן —
פון קיינעם ניט געזען און ניט דערקענט —
פאַרזינקען אייביק אין די קאַלן...

נאָר פּלוצלונג, ווי עס וואָלט געשען אַ נס —
עס ווילט זיך גאָר די בליקן ניט געטרויען:
אין מיטן פון אַ גרוילעניש-מעת-לעת,
ווען ס׳האַרץ איז קוים געשטאַנען אויפן לויער

און דאָס געהער פון שוויגעניש פאַרטויבט —
זיך אָפּגעווינט שוין פון די רייד אַפילו —
האָט ווער אַ מידע ברעם געטאָן אַ הויב,
גלייך ער וואָלט איצט אַ ליכטיקייט דערפילן —

אַ שאַרפער ווייסער מעסערדיקער בלאַנק
פאַרשניטן האָט זיך טיף אין די געהירן...
דאָס בליק, וואָס האָט פון מידיקייט געצאַנקט
האָט צו דער ליכטיקייט גענומען פירן.

„אָט דאָרט, אָט דאָרט, חברים, זעט נאָר זעט:
די ליכטיקייט — אַ זון וואַקסט זיך פונאַנדער!
און גיכער לאָמיר גיין, ס'קען ווערן שפּעט.
און גיכער שטעלט אַ טראָט, ס'קען ווערן אַנדערש"...

און איידער וואָס און ווען, מען קוקט זיך אום —
אַ בליץ האָט דורכגעלויכטן די געמיטער:
„אָ, טאָוואַרישטשע, טאָוואַרישטשע, קומט! —"[64]
גלייך ס'וואָלט אַ ליד צעקלונגען אין די בלוטן...

און ס'אָנקערן אַראָפּ פון אַ סופית
צוויי הענט, ווי צוואַנגען גילדערנע צעעפנט —
פאַרכאַפּט אַן אָרעם, ווינגדיקע טריט,
גלייך זיי וואָלטן קיין אָנשפּאַר שוין ניט טרעפן...

און ווי אַ פויגל רייסט זיך אויס פון שטייג —
אַ ברודער צום סופית איז אויפגעפלויגן.
און נאָך איינער און נאָך איינער עס שטייגט —
מיט צוואַנגען זוניקע אַרויסגעצויגן...

אַן אויגנבליק, אַן אָטעם און ניט מער,
די ליכט אַ בלענד געטאָן האָט אין די בליקן —
„אָט איז זי דאָ, אָט וואַכט די פּ.פּ.ר. —
אַן אויטאָ גרייט אין וואַלד די ברידער שיקן

אַהין, אַהין! — דאָרט גייט אַן איצט די שלאַכט!" —
אַ פּאַליאַק מיט אַ יידן אין די רייען —
דער צווייטער פראָנט פון געטאָ אויפגעמאַכט —
אַנטקעגן דער נקמה ברידער גייען!...

1957

# די וואַרשעווער נאַכט...

די וואַרשעווער נאַכט אין זכרון —
זי קורטשעט זיך איין און ווערט קלענער...
דער גלייכגילט פאַרשיט איר מיט יאָרן —
מען וועט איר שוין באַלד ניט דערקענען!

די שלאַכט פון מוראַנאָוו און ניזקע —
דער לויף דורך די ברוויזקע פלאַמען... —
זי ווערט פונעם האַרץ אויסגעריסן
און ס'בלייבן פאַרשרפהטע שראַמען —

זיי וועלן מסתם אויך פאַרשווינדן
און ס'וועט גאָרניט בלייבן קיין צייכן.
דאָס האַרץ וועט דעם ווייַ איבערווינדן —
די צייט — איר נצחון דערגרייכן...

נאָר דאָס וועט דאָך זײַן די מפּלה
פון דור, וואָס זײַן האַרץ האָט געשײַטערט...
אויב גלײַכגילט וועט זײַן די באַצאָלונג
פאַר וונדן, וואָס האָבן געהײַטערט...

נאָר דאָס וועט דאָך זײַן די מפּלה
פון יענע צעפּלאָמטע מעת-לעתן,
וואָס בלויז זייער שײַן איז אַ קללה
פאַר די, וועלכע ווילן פאַרגעסן...

די וואַרשעווער נאַכט ווערט צערונען —
איר אָטעם אין הערצער שוין גוססט...
נאָר ס׳בלוטיקן ווידער די זונען —
צום גרויליקן אָפּגרונט געשטויסן.

און ס׳רויכערן הימלישע ראַנדן,
גלײַך וואַרשע וואָלט קומען צו חלום —
די רו פון דער ערד צו פאַרבראַנדן
אין טעג פון פאַרבראַנדיקטן שלום...

1954

# דערלאָזט ניט, דערלאָזט ניט!

עס וויינט און עס ציטערט אין נאַכטיקן פיבער,
דער ייִד דער פּאָעט;
דער בלוטן־געוויטער איז נאָר וואָס פאַריבער
און ווידער ווערט שפּעט!

צו זעט דען ניט קיינער, מיט בלינדקייט געשלאָגן
איז יעדערנס בליק —
דעם טאָל פון די ביינער, די מדברים וואָס טראָגן
אַהער זיך צוריק?

דערלאָזט ניט פאַרוואַקסן מיט גיפטיקע גראָזן
דאָס זאַנפטיקע פעלד!
אויף שטאָלענע אַקסן דער טויט נעמט פאַרלאָזן
זיין חושך־געצעלט...

וואָס ברענגט ער צו טראָגן? די נאַכט פון יללה;
דעם ווײַ אויף דער ערד...
דעם פּחד פאַרטאָגנס, אויף ליפּן די קללה,
פון חורבן די שווערד...

דערלאָזט ניט, דערלאָזט ניט — עס האַלט אין איין מאָנען
אין נעכט דער פּאָעט.
און שווייגן ער קאָן ניט, אין שיין פון לבנה —
דעם טויט ער דערזעט...

1949



## מיט זעקס מיליאָנען בליקן...

מיט זעקס מיליאָנען בליקן, כ'האָב געזוכט אים אויף דער ערד.
מיט זעקס מיליאָנען טליענדיקע בליקן אין מיין אַש.
אויף וועגן און אויף אומוועגן אין מינדסטן שאָרך פאַרהערט —
אין שטילקייטן פאַרגליווערטע, אין דונערדיקן רעש —

דורך נאָכטקייטן די היימישע און דורך דער פרעמדער ווייט
געגישטערט כ'האָב מיט בליקן פון מיין אויסגעברענטן שטאָם —
געיאָגט זיך אין פאַרוועט מיט דער פאַרווירנדיקער צייט,
נאָר ער איז גלייך אַ טראָפּן אינעם שוימענדיקן ים —

צערונען, ניט געוואָרן, ווי גאָר קיינמאָל ניט געווען —
אַ שאָטן, וואָס אויס שטן ווערט ביי מיטאָגדיקער שעה —
אַ שרעק-חלום אין אַנגסטן פון דער שוואַרצער נאַכט געזען —
דו כאַפּסט זיך אויף אין קאַלטן שווייס און ער איז שוין ניטאָ —

פאַרשוווּנדן, אויסגעגאַנגען, נאָר פאַרבליבן אַלץ אין מיר.
דער אָטעם פון מיין זעקסמיליאָניק פאָלק האָט אים געפילט
ביי יעדן סקריפּ פון ערגעץ ווי אַ צוגעמאַכטער טיר,
אין יעדן שאָטן ביי אַ ראָג אין איילִיקייט פאַרהילט...

ס׳האָט אַלץ געבריט דער שייטער פון גהינומדיקן בליק,
דער חיה-קלאַפּ פון ווילדן האַרץ געהילכט האָט אין געהער —
אַ יעדע ווייל האָט זיך געדאַכט — זיין פויסט אַ קינד דערשטיקט
און ער, ער ווישט דאָס בלוט זיך אָפּ מיט מאַמעס גסיסה-טרער...

פאַרטריבן איז שוין לאַנג געווען דער דרעמל פון אַ ברעם.
פאַרצוקט ביז לעצט געוואָרן איז אין ברוסט די קראַנקע רו.
דאָס האַרץ פון אויסגעשאַכטן פאָלק געבליבן איז פאַרשעמט
און ס׳האָט אין ברוסט געוואָרגן זיך דער אויסגעשריי אַלץ: ווו?

אוי, ווו איז ער, אוי ווו איז ער באַהאַלטן דער געשפּענסט?
אוי, וועלכע ערד ארומטראָגן נאָך קען זיין שאָטן איצט?
אוי, ווי אַזוי געשטאַלטן קען די צורה פון אַ מענטש
אַ חיה אַ מטורפֿע מיט באַקנציין פאַרקריצט,

וואָס ווערט נישט זאַט פון גלוסטעניש, באַגערט נאָך פרישן רויב? —
אַ גיריקע, זי לויערט שוין אַ שפּרונג צו טאָן פון ס׳ניי
פון הינטער קוסט באַהאַלטענעם די לאַפּע אַ פאַרהויב
דעם קרבן צו פאַרצוקן גיך, כל זמן עס איז איר צייט.

אוי, ווו איז ער, אוי, ווו איז ער?! — דורך יאָרן דאָס געשריי
געטראָגן האָט פון ערד צו ערד, געיאָגט זיך מיטן ווינט.
ווי שווער עס איז געווען די פּיין, אַז אָט די צייט פאַרגייט
און די נקמה האָט איר לוין נאָך אַלץ זיך נישט פאַרדינט...

ווי שווער געווען איעדן טאָג צו לעבן אויף דער ערד —
די לופט צו ענג און צו געדיכט געוואָרן איז צו לעצט.
אַ יעדער ייד אין גאַזקאַמער, זיין טויטנגרויל באַשווערט:
עס מוז, עס מוז אַריינפאַלן די חיה אין דער נעץ!...

און ס'איז געשען דער נס, וואָס האָט באַדאַרפט שוין לאַנג געשען.
דער אָטעם פון פאַרבראַנדטן קינד האָט אים צום סוף דערלאַנגט...
די לעצטע טרער דער מאַמעס האָט געפענטעט אים די הענט —
געשטילט זאָל פון דעם יידנפאָלק באַלד ווערן דער פאַרלאַנג,

אַז זעקס מיליאָנען טויטן זאָלן אויפגיין אין זיין בליק,
אַז גוססן באַשערט זיין זאָל אים זעקס מיליאָנען מאָל!
אַז וויפל לעבנס ער האָט אין זיין לעבן אויסגעשטיקט —
זיי זאָלן אַלע אויפשלאַכצן אין זיין פחדנות-קול...

אַז ער זאָל זיך אַ וואָלגער-טאָן דעם שופט צו די פיס —
און ס'איז דער שופט בלויז נאָר בלויז מיין אויסגעברענטער שטאָם —
פאַר יעדער ווונד, פאַר יעדער קויל, פאַר מינדסטן לייבער-ריס,
פאַר אַט דעם אומגעהייער-טרערנבלוטנדיקן ים —

זאָל זיך דער תלין וואַלגערן פאַרשפיגן און פאַרשטויבט! —
די אייביקייט זאָל אויסגליען אַ קללה אויף זיין הויט!
פאַר אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעוועוערגט, פאַרשניטן און צערויבט —
זאָל ער אַליין זיך אויסבעטלען ביים יידנשטאַם אַ טויט...

יוני, 1960

# אײן כותל פֿאַרבליבן...[66]

אײן כותל איז מיר נאָך פֿאַרבליבן,
דער אײנציקער, דער װאָס אויף געגשע —
אין רגעס די צערפֿולע טריבע, —
איך האָב אים דורך טרערן דערקענט שוין!

אײן כותל — דאָרט קען מען נאָך װײנען,
אַראָפּרײדן זיך און ס׳װערט גרינגער...
און רופֿן, און טענהן און מײנען,
דו װעסט דײנע שאָטנס באַצװינגען —

זײ זאָלן נאָך אַלץ אין דיר גלױבן,
אַז ס׳איז ניט פֿאַרװישט זײער נאָמען,
אַז ס׳איז אין דײן האַנט נאָך פֿאַרהױבן
די שװערד פֿון דער הײסער נקמה...

דער כותל — נאָך אַלץ פֿון אים צױבערט
דער רום פֿון אומשטערבלעכער גבורה —
דער יונג מיטן רױטיקן שױבער,
װאָס לאָזט זיך ניט פֿירן צו קבורה

און בײלט אַלץ די פֿױסט אױפֿגעהױבן
און צאָרנט, און הערט נישט אױף מאָנען,
און הילכט אין די הערצער די טױבע:
נקמה... נקמה... נקמה...!

דער כותל אױף געגשע — אַן עדות,
װאָס װיל ניט, דערלאָזט ניט פֿאַרגעסן
דעם אומקום פֿון ײדישע עדות —
דורך בגידה און יאוש צעפֿרעסן.

דאָס קינד ביי דער מאַמעס צופוסנס
אַלץ כליפּעט אין שרעקיקן ציטער...
ווער קען עס דאָס מיילכל פאַרשטופּן —
די שוויינעניש-אימה פאַרהיטן?

מען הערט נאָך דער מאַמעס געשרייען —
די אויגן זיי שיסן מיט פלאַמען:
די וועלט זאָל קיין רו ניט געדייען,
ביז ס׳וועט ניט דער טויט אַלץ פאַראַמען

די טריפהנע נאַצישע זרע!
דער קויטיקער שוים פון געוויסן —
מיט בלוט זאָל ער אָפּגעשווענקט ווערן!
אויב ס׳האָט ווער די שבועה צעריסן:

ניט דינען דעם נאַצישן הענקער!
ניט שמידן פאַר אים קיין כלי-זין!
דעם אומקום פון פאָלק אים ניט שענקען!
חלילה ניט זיין אים קיין דיין!...

★

איך שיק היינט מיין טרער עולה רגל,
צו אים, אונזער כותל אויף גענשע
און ס׳האַרץ, אַ מיין האַרץ עס געדענקט שוין,
דורך צער און דורך ווייטיק צענעגלט —

מיין פאָלק, דאָרט פאַרהיטן בלויז האָט ער
דעם כבוד פון יידישן נאָמען,
דעם הייליקן ברית מיט די שאָטנס,
וואָס רופן: נקמה... נקמה...!!!

יולי, 1959

# אָ, העלדן פון רום!

הירש לעקערט, נפתלי און מאַלמוד! [67]
איך רוף אייך פון קבר אַרויס...
ניט זוכה צו זיין אייער תלמיד —
אַ הילפסלאָזער בייל איך מיין פויסט...

אָ, העלדן פון רום, אייער קבר —
אַ ליכטפּאַקל זאָל ער אונז זיין!
מיין בלוטלאָזער יידישער אבר —
זיך אָנטרינקען זאָל ער מיט שיין

פון אייערע לויטערע טאַטן,
פון אייער נקמה די מאָס.
פאַר בלוט פון דערשאָסענעם טאַטן —
כפליים זאָל פאַלן דער שאָס!

פאַר געבן דעם מערדער מחילה, —
אומשטערבלעכע גייסטער פאַרזאָגט
דעם יידן אַ הייליקע תפילה:
דעם בוגד — מיט בושה דערשלאָג! —

ער זאָל ביזן דור ביזן צענטן
אַ קללה-דערמאָנונג אונז זיין,
פאַר יידישן כבוד פאַרשעמטן,
פאַר טראָגן כלי-זין דעם פיינט.

יולי, 1959

## דריי
(באַלאַדע)

דריי אירע — זיי זיינען אין לאַגער געווען —
מיט ציפערן דריי אויף דער הויט אויסגעברענט.

די נעכט אויף אַ נאַרע ביים סאַמע סופיט —
די טעג אינם נאַצישן יאָך איינגעשמידט.

איז איינער — אַ הויכער, אַ בייניקער יונג —
אַ שווייגער אַזאַ, וואָס איז שווער אויף דער צונג.

דער צווייטער — מיט בלויען צעעפנט בליק,
וואָס גיט זיך אַ צינד און פאַרלעשט באַלד צוריק.

דער דריטער — אַ בלייכער מיט שמאָלינקער ברוסט —
ביז שפעט אין דער נאַכט, רק ער הוסט און ער הוסט.

און ווי ס'איז דער נאָמען, דער יחוס, דאָס לאַנד —
אין נומער פאַרבאָרגן, וואָס שוואַרצט אויף דער האַנט...

באַגינען, ווען ס'האָט זיך דער לאַגער געוועקט
האָט קיינער-ניט, קיין מאָל דעם נאָמען געפרעגט —

אַ נומער — האָט בלויז אויסגעשריגן אַ קול...
ביטאָג און ביינאַכט, אויפן באַרג און אין טאָל,

ביים שלעפּן די ציגל איבער דעם וועג,
ביים גראָבן אַקאָפּעס אין ווילדן געיעג,

ביים האַקן די שטיינער, ביים גיסן צעמענט —
מען האָט זיי די כוחות די לעצטע פאַרלענדט...

מען האָט זיי פאַרשמיסן מיט בלייערנעם קנוט,
פון אָדערס געצאַפּט ווי פון קראַנקע דאָס בלוט...

אויף גליאיקן פראָסט מיט די באָרוועסע טריט,
אין קאַרצער געוואָרפן, אין קייטן געשמידט,

די נעגל געפליקט און מיט אייזן געברענט —
און אַלץ לויט דעם נומער דעם זעלבן אויף הענט...

אַז זיי האָבן אויך שוין פאַרגעסן פון לאַנג
פון אייגענעם נאָמען דעם היימישן קלאַנג.

און אויב עס וואָלט ווער זיי דעם נאָמען דערמאָנט,
זיי וואָלטן אין אים זיך אַליין ניט דערקאָנט...

אַזוי ווי אַ לאַנג-שוין פאַרשוווּנדענע וואָר —
פאַרמעקט פון זכרון — דער נאָמען, דאָס יאָר.

פאַרווישט איז דער שפּור פון דעם אייגענעם הויז —
אַ חלום אַ וויטער פון דמיון אַרויס...

אַזוי איז גערונגען, גערונגען די צייט —
אַ טאָג און אַ שעה, נאָר מיט גרוילן באַנייט.

אַ נאַכט — מיט אומהיימלעכער שרעק אָנגעפּילט,
ביז איינער האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן שטיל —

מיט ליפּן די בלויע — אַ שעפּטש געטאָן קוים:
דער טויט, אַך דער טויט איז מיין איינציקער טרוים...

ווען ער וואָלט געקומען אַזוי אומדערוואַרט
און כ'וואָלט אויף דער נאַרע געבליבן פאַרשטאַרט

און ס'וואָלט מיר געדאַכט אין דער לעצטער מינוט:
ס'איז שטיל אַרום מיר און איך רו און איך רו...

דער צווייטער האָט דערמאָלט אַ זאָג געטאָן: ניין! —
איך וויל ניט מיין לעבן אַזוי זאָל פאַרגיין,

אַז ס'זאָל מער ניט בלייבן קיין איינציקער שפּור
אַזוי ווי פון יעדער פאַרדעכטיקטער הור... —

מען זאָל מיך באַהאַלטן וואָס גיכער און אויס...
איך וויל נאָך, איך וויל נאָך פון דאַנען אַרויס!

דער דריטער, וואָס האָט פון דער שמאָלינקער ברוסט
צו ביסעלעך לונגען די נעכט אויסגעהוסט —

מיט ליפּן די בלויע — פון בלוט אויסגענאָגט —
צו שכנים די צוויי אויף דער נאַרע ט'געזאָגט:

און איך וואָלט געוואָלט אין דער לעצטער מינוט
מיין גומען פאַרזוכן זאָל היטלערשן בלוט...

אַריינבייסן זיך אין אַ גאָרגל מיט ציין —
צוזאַמען מיט אים זאָל מיין גסיסה פאַרגיין!

אַזוי צווישן זיך אין אַ נאַכט האָבן דריי
געשעפּטשעט דאָרט קוים און די נאַכט איז פאַרביי.

ביז איינמאָל באַגין האָבן צוויי זיך געוועקט
און האָבן צום דריטן די הענט אויסגעשטרעקט:

„נו ברודער, וואָס ליגסטו, שטיי אויף שוין און קום“,
נאָר ער איז ווי פריער געלעגן פאַרשטומט,

גלייך רואיק ער וואָלט איינגעזונקען אין שלאָף —
פון טרוים זיינעם לעצטן — דערוואַרט זיך דעם סוף...

און ס'איז בלויז געבליבן דער נומער פון האַנט —
פאַרשריבן מיט בלוט אויף אַ ברודיקער וואַנט...

סע האָבן די צוויי ווי אבלים געשפּרייזט —
דער טרויער פון האַרצן צו האַרץ האָט געקרייזט

און ס'איז ניט געווען, ווער זאָל זאָגן אַ טרייסט
און ווער מען ווייסט די ריי איז — דער הימל נאָר ווייסט...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַלץ ווייטער פאַרגאַן —
אויף פּלייצעס נאָך שווערער געוואָרן דער שפּאַן —

באַגינען געוועקט מיט אַ בענקשאַפט אין האַרץ —
דאָס אָרט פונעם דריטן — אַלץ ליידיק און שוואַרץ —

אַן אָפענע גרוב — ניט פאַרשיטן מען קען —
אַזוי ווי די לעצטע מינוט אים געזען...

און ס׳דאַכט זיך זיי אַלץ, אַז ער ליגט אַזוי לאַנג —
פאַרגאַן ווי אַ הויך, אַן אַן איינציקן קלאַנג...

אַז ס׳גיט זיי דאַן ביידן נאָך שטאַרקער אַ יאָג
וואָס גיכער אַנטקעגן דעם גרויליקן טאָג.

און איינמאָל ווען אונטער די ביקסן באַוואַכט
זיי האָבן פאַרזאַמט ביי דער אַרבעט ביז נאַכט —

גערייניקט פון ציגל און שטיינער דאָס פעלד —
ביים ציילן אַ נומער האָט פלוצלונג פאַרפעלט —

פאַרשווונדן, צערונען אַזוי ווי אַ רויך,
וואָס וויקלט אַוועק זיך, צעגייט אין דער הייך...

אַזוי ווי אַ שאָטן וואָלט דאָ דורכגעשלייכט —
אַריבערגעשווומען אַ שטייענדיק טייך...

די נאַציס — געבילט ווי משוגענע הינט,
נאָר ס׳האָט זיי געענטפערט אויף דראָטן דער ווינט:

אומזיסט איז דאָס זוכן אין האַרבסטיקער נאַכט —
דעם נומער האָט עמיצער בלויז אויסגעטראַכט...

און ווען ס׳האָט באַגינען דער ווינט איינגעשטילט,
דער דריטער — אין האַרץ האָט אַ בענקשאַפט דערפילט:

די צוויי האָבן דאָך שוין דערגרייכט זייער טרוים — ...
און ער איז געבליבן אַן צווייגן אַ בוים,

וואָס סטערטשעט דאָ אַליין — אַ פאַריתומטער שטאָם
און ס׳איז שוין פאַר אים דאָ קיין טרייסט ניט פאַראַן...

נאָר ווען ער האָט פּלוצלונג געעפנט זיין בליק —
דער געשריי איז אין האַלדז אים געבליבן פאַרשטיקט...

זיין האַרץ איז פאַרגליווערט געוואָרן פון גרויל —
אויף ד׳ערד איז געלעגן אַ מענטשלעכער קנויל —

דאָס לייב ניט קיין לייב, נאָר אַ בלוטיקער פלעק,
וואָס אָטעמט נאָך קוים, ס׳גייט דאָס לעבן אַוועק.

און נאָר דער נאָמען דער זעלבער, וואָס שוואַרצט אויף דער וואַנט —
אַן עדות געבליבן פון היטלערשער שאַנד...

און ער, אָט דער דריטער, מיט שמאָלינקער ברוסט,
וואָס האָט שוין די לונגען צולעצט אויסגעהוסט —

אַ פאַל-געטאָן איז ער צום גוססן גוף —
מיט ליפּן טויט-בלייכע געגעבן אַ רוף:

„אַ, ברודער, וואָס דו ביסט געבליבן מיר בלויז —
אַ פויגעלע — האָסט זיך געריסן אַרויס —

אַן אָדלער פון שטייג — זיך געוואָרפן צום פלי
און ביסט ניט דערפלויגן צום זונאויפגאַנגס פרי..."

אַ רגע געדויערט האָט אפשר, ניט מער —
אַ האַנט האָט געגעבן אַ ריס אים פון דר'ערד

און ער האָט דערזען באַלד אַנטקעגן פאַר זיך
אַ נאַצישן יונג מיט אַ שיכור געזיכט...

און ס'דוכט זיך אים אויס, אַט דעם דריטן, ער זעט:
אין בליק פון ס.ס. טאַנצט אַרום דאָרט אַ שד —

סע חוזקט דער דייטש און ער שפּעט און ער לאַכט...
אַז ער האָט די אויגן ביז ווייטיק פאַרמאַכט —

אַ שליידער-געטאַן זיך פאַרויס און אַ פאַל —
מיט ציין איינגעביסן אין טרפהנעם האַלדז —

מיט הענט זיך פאַרקלאַמערט — אַן אייזערנער צוואַנג —
געוואָרגן האָט ער אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...

און גאָרניט געזען אַרום זיך, נאָר געשפּירט —
דאָס וואַרעמע בלוט פונם נאַצי פאַרפּרירט —

אַ רגע נאָר בלויז און אַ פאַל צו דער ערד —
אַ שאָס פון אַ ביקס האָט די פרייד אים פאַרשטערט...

1947

# זכור את אשר עשה לך עמלק [68]

„זכור את אשר עשה לך עמלק" —
ניין, ס'איז די צוואה ניט פאַרגעסן!
ס'האָבן זיידעס זי פאַרזאָגט אַמאָליק
אין די טאַמע פינצטערסטע מעת לעתן —

טאַטעס האָבן זי פאַרקריצט אַמאָל מיט פייער —
מאַמעס ביי די לייריק-וויסטע וויגן —
ברידער, שוועסטער, פלעגן זי באַנייען
אין די געטאָס ביי די בונקערשטיגן...

ניין, ס'איז די צוואה ניט פאַרגעסן —
ביזן צענטן דור אונז אַ ירושה —
דעם נקמה-פייער ניט פאַרלעשן —
אונזער פאָלק פאַרצייטנס האָט געוווסט שוין —

אין די אַלטע ספרים איז פאַרשריבן:
„ס'איז זיין האָב און ס'איז זיין גוטס דיר טמא —
אסור דיר, די זינד אים צו פאַרגעבן
און דאָס בלוט פאַרגאָסענע ניט מאָנען"

זכור את אשר עשה לך עמלק!
ווער עס וועט פאַרשוועכן די נקמה —
וועט דער עונש זיין אים שווער-באַצאָליק —
אויסגעמעקט דער זכר פון זיין נאָמען.

## V

# ביי ברידער צו גאסט



# ביים שוועל פון פּאַריז

פּאַריז, פּאַריז — די באַן קלאַפּט אוים צום טאַקט מיר —
אַ שעה צי מער — באַטרעטן כ׳וועל דיין שוועל.
אַ חלום בלויז געוועזן איז דיין טראַקט מיר,
נאַר אין מיין טרוים ווי שיין האָסטו געהעלט!

פּאַריז די שטאָט פון ליכטיקייטן אַלע —
די שטאָט פון האָפענונגען פאַרן מענטש.
ווי פיל זיי זײַנען פאַר דיין רום געפאַלן —
די ברידער, וואָס מיט זיי ביסטו געבענטשט.

אַ שעה צי מער, איך וועל דיין שוועל באַטרעטן,
מיין האַרץ איז איבערפולט פון גרויסער פרייד.
די ברידער האָבן מיר צו זיך פאַרבעטן
און איך בין צו דעם יום טוב שוין געגרייט...

נאַר איינס, נאַר איינס באַוועלטיקט איצט מיין וועזן:
וואָס גיכער זאָל זיך ענדיקן די שעה —
די שטאָט וואָס איז אַ חלום מיר געוועזן,
זאָל ווערן באַלד מיין אויסגעטרוימטע וואָר..

3 סעפּטעמבער,1960

# דער 14־טער יולי

דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געשטורעמט די באַסטיליע —
די אייניקלעך איך זע זיי היינט אין שלאַכט.
פֿאַר אַלע די געפֿאַלענע — אַ שטילע —
מיין האַרץ ביי זייער גרויסן אָנדענק וואַכט...

דער הימן — אַט די שטאָלצע מאַרסעליעזע —
ווי פֿריש ער קלינגט נאָך היינט אין מיין געהער.
דאָס איז נישט בלויז דער נעכטיקער „געוועזן" —
דער פֿראַנקרייכס היינט צערוישט אויף אַט דער ערד.

דאָ היט מען אָפּ די ליכטיקע ירושה,
נאָר ס'ווערט געהייליקט יעדע נייע שלאַכט.
דאָס פֿאָלק אַ סך באַסטיליעס האָט געוווסט שוין —
דער פּער-לאַ-שעז [70] פֿאַרקריצט איז אין איר פּראַכט...

אַ דור פֿאַרקניפּט אין צווייטן רופֿט זיך איבער —
די אייניקלעך פֿון יאַקאָבינער-קלאַס,
זיי האָבן זייער צאָרן אויסגעפּיבערט
און אויף דער זעלביקער פֿאַריזער גאַס —

מאַרשירט דיקלאָ אין פּורפּורנעם געפֿלאַטער...
די מאַרסעליעזע מיטן אינטערנאַציאָנאַל —
פֿון פֿאָלסגעמיט — אַ שאַלנדיקער קראַטער —
ער פֿירט צו פֿראַנקרייכס ליכטיקן פֿינאַל.

14-טער יולי, 1960 — עטיען קלעמענטעל

# איך האָב געהערט די מאַרסעליעזע!

איך האָב געהערט די מאַרסעליעזע שפּילן
און ס׳האָט אַ רגע מיר זיך אויסגעדאַכט:
דעם הייסן אָטעם פון פּאַריז כ׳דערפיל און
אַליין כ׳וואַר מיטגעריסן מיט דער שלאַכט...

און כ׳שטיי מיט ברידער שוין אויף באַריקאַדן —
די פּורפּורפאָן זי פלאַטערט אין מײַן האַנט
און כ׳זע דעם מאַרש פון אַרבעטער-אַטריאַדן
בראָש פון וואַקלדיקן דריטן שטאַנד...

איך האָב געהערט די מאַרסעליעזע שפּילן —
אויף אָט דער ערד, ווו כ׳בין צום ערשטן מאָל,
איז מיר באַשערט געווען הײַנט צו דערפילן
די אייביקייט פון איר בונטאַרן-קול...

יולי, 1960 — ע. קלעמענטעל

# געשען מיר אַ נס

די שפּראַך פון וואַלטער און טאַרעז —
איך האָב נאָך איר זין ניט באַנומען,
נאָר היינט איז געשען מיר אַ נס:
מיין האַרץ און מיין ליד און מיין גומען —

זיי האָבן יד אחת געמאַכט —
קיין אָפּרו אַ רגע געלאָזט שוין —
אַ טיר נאָך אַ טיר אויפגעמאַכט
צום שיינעם פּראָווענצאַלישן לשון,

אַז כ׳וועל אַ בן-בית גאָר גיך
מיט יעדן באַגעגנטן מענטשן —
די ערד מיר אַנטפּלעקט איר געזיכט,
דאָס ליד פון די פייגל כ׳דערקען שוין...

די שפּראַך פון וואַלטער און טאַרעז —
ניט כ׳הער זי בלויז, כ׳זע מיט די אויגן,
גלייך כ׳וואָלט אין מיין מאַמישער נעסט —
איר קלאַנג מיטן מילך איינגעזויגן...

1960, ע. קלעמענטעל

# כ׳בין פול אַלץ...

כ׳בין פול אַלץ מיט פאַרוווּנדערונג פאַר אַט דער ערד
און מערער נאָך פאַר אירע פּראָסטע מענטשן.
אַ סך איז מיר אין לעבן שוין געווען באַשערט,
אַ סך האָב איך אין וואַנדערוועג דערקענט שוין,

נאָר קיין מאָל ניט, אפילו אין מיין לאַנד
האָט מיר אַזאַ געמיטלעכקייט באַגעגנט...
אַז ווי אַ קינד, זי פירט אַרום מיר ביי דער האַנט
און כ׳בין אַ היגער שוין אויף אַלע וועגן,

און כ׳קען שוין אָנרופן דעם נאָמען פון אַ פלאַנץ
אויף אַט דעם שיינעם זינגעוודיקן לשון,
און אייגן איז מיר שוין דער ווייכער גלאַנץ
אין בליק, ווען ס׳ווערט די שקיעה אויסגעלאָשן...

כ׳בין פול אַלץ מיט פאַרוווּנדערונג פאַר אַט דער ערד,
וואָס האָט געוווּסט פון בלוטיקע געוויטערס,
און דאָך און דאָך, איז איר נאָך אַלץ באַשערט
דעם גלויבן אינעם מענטשן צו פאַרהיטן...

1960, ע. קלעמענטעל

# ס'איז שטיל אין וואַלד

ס'איז שטיל אין וואַלד, די שטילקייט טוט פֿאַרוויגן.
און אפֿשר גאָר מ'טאָר ניט, ס'איז אַ זינד!
ווען ס'גרייט דער שונא זיך צו נייע קריגן —
די שטילקייט איז פֿאַרפֿירעריש אַצינד...

און ס'ווערט דער וואַלד שוין אָנגעפֿילט מיט אימה —
אויף יעדן צווייג איך זע אַ תליה איצט...
און אין דער שקיעה ברענען מיינע היימען —
דער שונא האָט זיין טויטנטראָט פֿאַרקריצט

אויף ערד מיינער אין פֿייערן פֿאַרלענדטער —
אַ בלוט-מבול דאָס לעבן האָט פֿאַרשווענקט...
אין אָט דער שטילקייט אומרואיק-דערקענטער
האָב איך זיך נאָך אַ שטורעם אויסגעבענקט —

אַ שטורעם, וואָס אין הערצער זאָל צערווישן,
אָן אומרו, וואָס זאָל אויפֿזידן אין בלוט...—
די רואיקייט אויף שלאַכטן צו פֿאַרטוישן,
די שטילקייט, וואָס אין וואַלד איז נאָך באַרוט —

אַרויסטרייבן, פֿאַרקלינגען און פֿאַריאָגן —
זי זאָל קיין שליטה שוין ניט האָבן מער,
כל זמן דער ביטער-שונא, ער וועט טראָגן
אויף זיינע אָרעמס נאָך, דאָס טויט-געווער...

ס'איז שטיל אין וואַלד. די שטילקייט טוט פֿאַרוויגן,
נאָר מיין געמיט איז פֿול שוין מיט דער שרעק
אין אָנבליק פֿון די נייע גרוילן-קריגן,
וואָס לויערן נאָך אַלץ אין אָט די טעג.

1960, ע. קלעמענטעל

# אַ נומער „קול העם"

באַקומען פון דער היים אַ „קול העם" (אַ) [70] —
ניט בלויז דאָס האַרץ האָט אויפגעציטערט —
אַ טאָג אַ לעבעדיקער אין מיין האַנט —
און אָט די אותיות צעגליט ער —

אַ טאָג מיט זיינע זאָרגן ביי דער זייט,
מיט זיינע ווייטיקן און זיינע פריידן —
אַ שטיק צעקאָכטע, אַ צעזידטע צייט
האָט פון די אותיות גענומען ריידן:

אין נגב — אויסגעטריקנט דער פאַרזיי
און אין רחובות — גאָר אַ נייער וווּנדער:
אַז מען וועט וועלן טוט דער ווינט אַ ווײ —
און פעטע וואָלקנס ווערן אויפגעבונדן...

איך לייען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אַלץ,
גלייך ס'וואָלט די צייטונג ערשט דאָ היינט דערשינען.
נאָר עפּעס גיט אַ ווערג מיר ביי דעם האַלדז —
מיין ווייטע היים, געוואָלט כ'האָב דיר געפינען

אַ גליקלעכערע, ווי כ'האָב דיך פאַרלאָזט...
נאָר אויסגעמישט דיין פרייד מיט צער און איינעם.
די וויסטעניש אַ שפּאַן האָסטו פאַרגראָזט,
נאָר נישט פאַרשטילט די ביטערע געוויינען

פון מאַמע וואָס פאַרוואָרפן האָט איר קינד
אויף גאָט'ס באַראָט אונטער אַ פרעמדן פענצטער
און קרייזט דאָרט ווי אַ פויגל אום אַ צינד...
ווען ס'פאַלט פון נעסט אַרויס דאָס מאַמע קלענסטע.

און פלוצלונג גיט אַ שלאַג אין אַ האַרץ אַ פרייד:
אין אתאַ האָט דער שטרייק זיך שוין פאַרענדיקט.
ביי פרידמאַנען נאָך דער געראַנגל גייט,
און די פאַרטיי אַלץ וואַרנט אומפאַרענדערט:

אין אַחדות איז דער כוח פון דער מי!
דעם שלום ווי דאָס אויג אין קאָפּ פאַרהיטן!
די שנאה, אַז זי גיט זיך אַ צעבלי —
ווערט נאָך אַ לעבן אין דער נאַכט פאַרשניטן...

די גיפטמישער, וואָס גייט זיי אָן דער וויי?
דער שווערדנקלאַנג איז זייער שענסטער הימן.
דער פאָלקסגעוויסן וואַרנט — די פאַרטיי —
ס'הילכט אָפּ אין ברוסט איר אויפגעברויזטע שטימע:

דער שנייגעקרייזטער נביא מיט דער ביקס,
אַ פאַלשער נביא איז ער, יידן, ברידער! —
אַ גרויסן שריפה פייערט אין זיין בליק,
ביים ראַנד פון חורבן שטייען מיר שוין ווידער!

און ס'קורטשעט זיך דאָס האַרץ פון הוילער שרעק —
מיר דאַכט, דער „קול העם" האָט זיך צעשריגן...
און דער געשריי דורך אַזאַ ווייטן וועג —
קיין רגע ניט, קיין איינציקע, אַנטשוויגן —

זיין צער און צאָרן — גלייך אין מיינע הענט —
ניט אות'עלעך, נאָר קוילן רויט-צעגליטע...
מיין היים, מיין לייב און לעבן, כ'האָב דערקענט
אין „קול העם" — איין נומער אַ פאַרהיטן.

אויגוסט 1960
ע. קלעמענטעל

# אַיעדן שטויבעלע צעקושן...

איך וואָלט געדאַרפֿט פאַלן אויף די קני
און יעדן שטויבעלע פון זאַמד צעקושן —
מיין שטאָם האט מען צום טויטנגרוב געפירט,
נאָר ס'האָט די ערד פאַרהיטן אים געוווסט שוין...

אַן עדות איז איעדער ייד דערפון,
ווי ס'האָט דאָס גוטע פאלק אים אויסבאַהאַלטן —
אַ היים, אַ דאַך, אַ פּענעץ ברויט דערצו...
און מיטן לעצטן ביסן אויסגעהאַלטן.

דער טויט האָט דאָך ביי יעדן שוועל געוואַרט...
דעם נאָמען — אַ סכנה צו דערמאַנען!
דער ייד האָט אויף אַ נס דעמאָלט געוואַרט,
אַז קומען זאָל די רגע פון נקמה.

און דער פראַנצויז, דער בעסטער פון די זין,
האָט אים דעם ייד צום האַרצן צוגעטוליעט...—
מיט ליבשאַפטן פאַרוויגט אַ יידיש קינד,
ווען אויף דער גאַס, דער נאַצי האָט געהוליעט.

איך וואָלט באַדאַרפט קושן אָט די ערד,
וואָס האָט מיין שטאָם און שוועסטער נויט באַוואַרנט.
פאַר דעם פראַנצויז — מיין זודיק־הייסע טרער,
און פאַר דעם פיינט — מיין ניט־געשטילטער צאָרן!

1960, ע. קלעמענטעל

# אַ גרוס

מײַן עלטסטער זון דער בכור, אין נגב אויף די זאַמדן —
די מדבר-זון ברענט אויס אַ צייכן אויף זײַן הויט.
דעם טאַטן איז באַשערט אויף גוטער ערד צו לאַנדן...
און ס'האַט די ערד צו אים זיך מוטערלעך פאַרטרויט.

דעם טאַטן איז באַשערט אַ באַלזאַם צו געפינען
פאַר שלאַפקייטן פון גוף און אויך פאַרן געמיט,
נאָר ווען עס גיט אַ קום די מאָרגנליכט באַגינען —
די בענקשאַפט נאָכן זון מיט נייער קראַפט צעגליט.

אַ קלייניקייט, אַ זון אין אָרעמט אויסגעטראָגן!
מיט אייגן בלוט גענערט, מיט טרערן אויסגעוויינט —
דורך גרוילווייטן געשפּאַנט, ווען ס'פלעגט דער אומקום יאָגן
ניט איינמאל האַט דאָס האַרץ פון ווייטיקן פאַרשטיינט...

אַ קלייניקייט, אַ זון אין נגב אויף די זאַמדן. —
זײַן יוגנט שטעלט ער אויס ניט איינמאָל אין געפאַר —
זײַן טאַטן איז באַשערט אויף גוטער ערד צו לאַנדן...
און אַ גערוס פון זון אין נגב — ער דערוואַרט.

1960, ע. קלעמענטעל

# דו הער זיך איין

דו הער זיך אַיין, ווי ס׳קלינגט אין אַט דעם וואַלד —
די שטילקייט דאָ צערעשט אין טויזנט שטימען.
איעדער בוים פון לעבן דאָ צעשאַלט,
איעדער צווייג פון פרייד זינגט אויף אַ הימען...

דו הער זיך איין: באַקאַנט איז דאָס געזאַנג,
נאָר יעדעס מאָל ער קלינגט אַלץ פרישער, שענער,
גלייך דו וואָלסט היינט געלאָזן זיך אין גאַנג
צום ערשטן מאָל די שיינקייטן דערקענען,

וואָס זינגען אויף ביי יעדן דיינס אַ טראָט
און זאַפּן זיך אַריין אין דיינע גלידער,
פאַרטרייבנדיק דעם אומרו פון דער שטאָט —
דעם אויפגעשריי פון נויט אין דיינע לידער...

דו הער זיך איין, ווי ס׳זינגט אַלץ און צעשאַלט,
גלייך ס׳וואָלט דער טויט ניט האָבן מער קיין שליטה,
גלייך ס׳וואָלט דאָס לעבן אייביק אין דעם וואַלד
פון אַלע גרוילן ווערן אויסגעהיטן...

ע. קלעמענטעל, 1960

# אַ ייִד פון די פּוילישע קאַנטן

ישראל אייזנקייט (קלערמאַן פעראַן)
אין פריינטשאַפט

אַ ייִד פון די פּוילישע קאַנטן —
ווי קומט ער, ווי קומט ער אַהער,
אַזוי ווי אַ פריינטשאַפט-געזאַנדטער...
אויף אַט דער פראַנצויזישער ערד?

גלייך ס'וואָלט מיר געקומען קאַפּויער
די היים וואָס איך פּייער פאַרלענדט...
דעם אַלטן, דעם ייִדישן טרויער
כ'האָב באַלד אין די בליקן דערקענט.

„פון וואַנען אַ ייִד?" — וויל איך פרעגן,
נאָר ער גיט אַ דריק מיר די האַנט —
זיין גאַנצער, זיין גרויסער פאַרמעגן —
די ליבשאַפט צום דאָזיקן לאַנד...

כאָטש ס'האָט נאָך די צייט ניט פאַרלאָשן
די בענקשאַפטן אַלטע אין ברוסט.
דער היימישער ייִדישער לשון,
ער האָט נאָך פאַרהיטן געוווּסט;

פון פעלן געגאַרבטע דעם ריח,
דעם שוסטערשן העמערל-קלאַפּ,
די זשעלעכאָוו-יונגען — פון זיי אויך
אַ ניגון אין וואַנדער פאַרכאַפּט...

אַ ייִד פון די פּוילישע קאַנטן —
ווי שטאַרק כ'האָב נאָך אים זיך פאַרבענקט! —
פאַר גוטסקייטן אַלע געאַנטע —
אַ ליד פון מיין האַרץ אים געשענקט.

ע. קלערמאָנטעל, 1960

# דער אוסטאַשי

איך האָב געזען אים רייסן בלומען —
בוקעטן גאַנצע אַלערליי...
נאָר ווי ער איז צו דעם געקומען,
מיין יידיש האַרץ, קענסטו דערגיין?

אַמאָל פלעגט ער דאָך מענטשן... רייסן. —
באַפאַלן היימען אָן פאַרדאַכט...
און זיינע הענט פלעגן זיך פלייסן,
וואָס מער צו אויסשעכטן אַ נאַכט...

אַמאָל פלעגט ער מיט פאַרגעניגן
די יידן אויסשטעלן אַ ריי
און מיט זיין קוילנוואַרפער זיגן...
דערנאָך אַ היים זיך רואיק גיין!

אַמאָל פלעגט ער אין בלוט זיך וואַשן,
ווען ס'האָט געמבולט אויף דער ערד —
אַן אָפיציר פון דער אוסטאַשי —
ווי קומט ער אויף דער גוטער ערד?

און ווער וועט דען אים איצט דערקענען? —
זיין האַנט איז אויסגעאיידלט-דין...
ווען ער געפינט אַ בלום אַ שענערס,
דאַן פרייט ער זיך אַזוי ווי אַ קינד,

גלייך ס'וואָלט דאָס גרעסטע גליק אים טרעפן,
ווען דער בוקעט זיין טיש באַצירט...
מיין האַרץ, די סודות מיר צעעפן —
דעם וועג געפין, וואָס ער דערפירט

אַ מענטשן-מערדער — בלומען קלייבן —
אַ חיה זאָל אַ מענטש גאָר זיין...
די גרויזאַמקייט פון האַרץ פאַרטרייבן —
די שיינקייט, זאָל דאָרט אויך אַריין...

ע. קלעמענטעל, 1960

# צוויי געסט

צוויי געסט, צוויי טייערע און ליבע געסט
אַריינגעפאלן רעשיק-אומגעריכטע...
גאָר אָפט אַ מענטש אַליין פאַר זיך פאַרגעסט,
ווי אומבאַמערקט עס לייגן אַן זיך שיכטן

פון פריינטשאַפט איינגעוואָרצלטער אין האַרץ,
וואָס קיין שום ווינט וועט בייקומען ניט קענען...
צוויי געסט — אַ לעבנלאַנג האָב איך געוואַרט
זיי זאָלן צו מיין האַרץ אַמאָל גענענען —

אַ טאַכטער פון מיין אַפּשטאַם — האַנט ביי האַנט
מיט איינער, וואָס די ערד האָט אויסגעטראָגן —
די גוטע ערד פון אַט דעם שיינעם לאַנד,
וווּ ס'האָבן מיר די שלאָפקייטן פאַרטראָגן.

צוויי ליידנשוועסטער, וואָס פון זייער בליק
עס קוקן נאָך אַרויס די שרעקנגרוילן —
פאַר איינער האָט נאָך אויפגעשיינט דאָס גליק —
דער צווייטער — איז ער אַליץ, נאָך אַליץ פאַרהוילן...

נאָר ביידע זיינען זיי מיט איינס געבענטשט —
אַ שייז, אַ ליכטיקע, שלאָגט פון זיי ביידן:
פאַרהיט זיי האָבן מיר דעם נאָמען מענטש —
די ליבשאַפטן אין צער, דאָס גוטס אין פריידן...

ע. קלעמענטעל

# זאָל קיין עין הרע...

כ׳האָב אַ בריוו באַקומען
פון מיין יינגסטן זינדל.
מיט אַ כתב אַ קרומען
וואָס אין אויגן שווינדלט...

שיקט ער נייסן איבער
פון דער היים דער ווייטער —
אַט די אותיות ליבע
פון מיין קינד פאַרשייטן,

(ווי די העראָגליפן
פון די אַלטעגיפּטער...)
ניט אַרומגעשליפן,
ניט אַרומגעזיפּטע —

זיינען זיי מיר טייער,
ווי די פּערלקראַנצן...
כאַטש די זילבן-סטייעס
פאַר די אויגן טאַנצן...

זאָל קיין עין הרע,
בעט איך, ניט פאַרשאַטן
אַט דער ליבשאַפט וואָרער
צווישן קינד און טאַטן.

ע. קלעמענטעל, 1960

## גבריאלה

גבריאלה, גבריאלה! —
ניגונט עס אין מיר...
ווו איך זאָל מיין טראָט ניט שטעלן,
באַלד דערפיל איך איר:
צי אין וואַלד צווישן ביימער,
צי אין בין-געזשום —
זע איך זי אין מיינע טרוימען,
כ'הער זי אומעטום.

גבריאלה, פראַנקרייכס טאָכטער —
גוטקייט פון דער ערד;
אַלע זאָרגן אונטעריאָכט זי,
ווישט אַראָפּ אַ טרער...

אַלע ווייטאָגן פאַרטריבן
מיט איר שטילן לאַך —
קען מען פראַנקרייך דען ניט ליבן
דורך אַזאַ מין פראַכט?...

גבריאלה, גבריאלה! —
ניגונט עס אין מיר,
גלייך דאָס לעבן וואָלט צעהעלן
דורך איר האַנט-באַריר...

באַלזאַם פאַר די שווערסטע ווונדן
איז איר פינגער-גלעט...
גבריאלה — אַט דער וואונדער
יעדן טאָג געשעט!

זאָל דאָס ליד פאַר אירעטוועגן
פונעם האַרץ געשענקט —
מיר דערמאָנען פראַנקרייכס שטעגן,
אַז נאָך זיי איך בענק...

יולי, 1960 — ע. קלעמענטעל

# VI

# פון אונטער האַרץ

# מאַנדל־ביימער בליען

כ׳ווייס ניט, וואָס ס׳וועט ברענגען מיר דער מאָרגן,
היינט באַגער איך נאָך די הייסע טאַט.
מאנדל־ביימער בליען — צו וואָס זאָרגן?
מיטן לעבן ווער איך נאָך ניט זאַט.

מאַנדעל־ביימער — אָנגעטאָן אין זיידנס,
כאָטש ס׳איז מיטן ווינטער אינם לאַנד —
אויך אַזוי וועל איך נאָך בליען, סיידן
ס׳וועט דער האַרבסט אַ שלאָג־טאָן אין מיין וואַנט...

האַרבסט איז טרויער, האַרבסט איז בלעטערפאַלן,
נאָר אין ווינטער בליט דער מאַנדלשטאָק —
מיינע יאָרן גייען ניט פאַרפאַלן,
כאָטש ס׳איז סאַמע ווינטערדיקער טאָג...

1960

# די קוואַלן פון ליכט

די נאַכט ניט אומזיסט האָט גערעגנט.
די טראָפּנדלעך קאַלטע אין שויב,
ווי פינגער געפּויקט האָבן טויב,
נאָר האָבן קיין ליכט ניט באַגעגנט...

פאַרריגלט געבליבן איז אַלץ
אַזוי, ווי מיט אייזערנעם שטאַנג.
גערעגנט, גערעגנט האָט לאַנג,
אַז ס׳האָט אַזש געוווערגט פאַרן האַלדז...

נאָר פּלוצלונג, מיר האָט זיך געדאַכט:
אַריבער דער שכנישער וואַנט
האָט עמעס אַ וואַרעמע האַנט

די קוואַלן פון ליכט אויפגעמאַכט!
ווי לאַנג דען געדויערט אַ נס? —
אַ בליץ און אַ בלענד און ס׳פּאַרלעשט...

1950

# שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער...

קליינע פרײדן, גרויסע טרויערס —
האַרץ — מײַן באַראָמעטער.
שטייט די בענקשאַפט אויפן לויער,
וואָס וועט קומען שפּעטער?

שפּעטער וועט אַ רעגן קומען,
ווינטן וועלן ווייען
און אַ שטומקייט צו מײַן גומען
וועט דער האַרבסט פאַרנייען.

כליפּ און כליאַפּ און כליפּ —
האַרץ מײַנס, זאָלסט ניט וויינען,
כל זמן ס'זוניקט נאָך אַ ליפּ
אויף אַ קרענצל ציינער...

כל זמן ס'איז דיר נאָך אַ שאָר
דער לבנה־ציטער
אינעם בלויען עפּלסאָד —
ווידער אַ צעבליטן.

קליינע טרויערס, גרויסע פרײדן,
האַרץ — מײַן באַראָמעטער.
פון דער ליבשאַפט זיך צו שיידן —
שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער...

1957

# צי שולדיק איז אין דעם דער רעגן?

איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז היינט געשען.
נאָך נעכטן — אָפן-ליכטיק אַלע וועגן.
און היינט, ווי דאָס וואָלט קיין-מאָל ניט געווען —
צי שולדיק איז אין דעם דער רעגן?

די פרייד, זי איז אַנטקעגן מיר געגאַן
פון אַלע זאַקאַפּאַנער גרינע שטעגן,
נאָר היינט פאַרשטעלט מיין בליק אַ טרויערוואַנט —
צי שולדיק איז אין דעם דער רעגן?

און מיט מיין ליד, מיין ליד איז אויך אַזוי:
אַ לויטערקייט אין האַרצן אויפגעגאַנגען, —
נאָר יעדעס וואָרט אויפן פּאַפּיר — ווי גרוי... —
צי שולדיק איז אין דעם דער רעגן?

זאַקאַפּאַנע, 1957

# אַ שונא זיצט אין מיר...

איך ווייס, איך ווייס, אַ שונא זיצט אין מיר —
אַ שד אַזאַ, וואָס כ'קען אים כמה יאָרן...
וואָס עפּעס, ער פאַריגלט גלייך די טיר
און אויפן פענצטער לאָזט אַראָפּ די שטאָרן... —

אַ ביטער-שונא — כ'ראַנגל זיך מיט אים,
ווי אינעם חומש יעקב מיטן מלאך...
ווי נאָר אַן אומגליק הער איך גלייך זיין שטים,
גלייך אָפּגעהילכט זי וואָלט אויף אַ מהלך... —

אַ ראַנגלעניש ביז ווייטיק און ביז בלוט!
און כ'גיי אַרויס מיט ווונדן פון נצחון...
וואָלט איך כאַטש איינמאָל שוין פאַר אלע מאָל געוווּסט,
אַז ס'איז דער שונא אינעם האַרץ דערשטאָכן!

נאָר ניין, אַ חיה, גלייך מיט טויזנט קעפּ —
האַקסט איינע אָפּ און צען קעפּ נייע וואַקסן...
מיין האַרץ, זיי גרייט אויף נייע שווערע קלעפּ —
צו נייע לאַסטן גרייט זייט מיינע אַקסלען!

איך ווייס, איך ווייס, אַ שונא זיצט אין מיר
און דער געראַנגל איז אויף לאַנגע יאָרן...
איז האַק איך מיט געוואַלט אַרויס די טיר
און רייס אַראָפּ פון פענצטער אַלע שטאָרן —

און גלייך אין פּנים קוק איך דער געפאַר —
חלילה די געפּעכטן צו פאַרמיידן,
אַפילו ווען נאָך נייע זיגן וואַרט
אַ שטרויכלוועג פון טרערן און פון ליידן...

יוני, 1958

# אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד

אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד,
אַלץ. און אַ ליד איז דאָס געזאַנג פון האַרצן...
ווער עס שטעלט צוזאַמען מיט דער צייט די טריט —
זיך דערוואַרטן וועט ער, ס'ניט דערוואַרטע.

אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד,
אַלץ. נאָר אויב דו וועסט אין וועג אַליינעז...
אַנקערן אין נאַכט וועט דיין געמיט —
נעסטן ביי די קוואַלן פון געוויינען...

אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד,
אַלץ. און ליד איז דאָס געזאַנג פון לעבן —
לוין פאַר דער עקשנותדיקער מי —
חלום, וואָס די וואָר האָט דיר געגעבן.

אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד,
אַלץ. און ליד איז דאָס געוועב פון וואָר און חלום.
ווער ס'האָט פאַר דער גוטסקייט זיך געמיט,
וועט דאָס ליד אים זיין פאַר אַ באַצאָלונג.

1958

# פון אַלע חלומות איין חלום

פון אַלע חלומות איין חלום
אין האַרצן פאַרהיטן און אויפהער:
מיט גוטסקייט דער גוטס אָפּצוצאָלן —
מיט צאָרן — ביז שלעכטסקייט זי אויפהערט!

האָב איך ביי מיין לעבן געשוואָרן —
גענומען די שטערן און עדות:
פאַרהיטן די גוטסקייט, דעם צאָרן —
מיין איינציק פאַרמעגן — זיי ביידע...

די גוטסקייט — אַ ליכטיקייט-פאַקל, —
אַז זי ווערט חלילה פאַרלאָשן —
דאָס האַרץ גיט זיך דעמאָלט אַ וואַקל
און „גרויסקייט" די ווערט פון אַ גראָשן —

אַ זשאַווער פּרעסט דורך די געהירן —
דאָס שלעכטס וועט שוין דאָן דיר ניט מיידן
און ס'וועט שוין דאָס האַרץ ניט פאַרפרירן
ביים אָנבליק פון צער און פון ליידן...

איז גוט צו פאַרהאַלטן דעם צאָרן
אין פייער דעם ריינעם און עכטן...
אַ ברודער — אָן עוולה פאַרשפּאָרן —
די שטראָף זי זאָל זיין אַ גערעכטע,

אַז אויב ס'איז באַשערט זיך צום שלאָגן —
דעם גרויזמען שונא — ניט שוינען!
די גאווה פון האַרצן פאַריאָגן,
נאָר קיינמאָל פון גוטס ניט אַנטווינען!!

1959

# דאס ליד וואס איז נאך מיין...

די פויגל זינגען שירה ביי מיין פענצטער —
צי מיינען זיי עם מיר מיט זייער ליד ?
פאַר אַלע די חלומות מיינע שענסטע
האָב איך זיך דאָך אַזוי פיל מאָל געמיט.

די אַלע טואונגען, צי קען איך איבערציילן —
די פייניקונגען און דעם טרערן-ים,
די וונדן, וואָס איך קען זיי ניט פאַרהיילן —
די וונדן אויף מיין אַלטן יידנשטאַם.

איז גוט וואָס פויגל זינגען נאָך ביים פענצטער —
זיי טשיריקן די רו אין מיר אַריין...
פון אַלע לידער איז געווים דאָס שענסטע
דאָס ליד,וואָס איז נאָך אַלץ, נאָך מיין...

17-טער מערץ, 1960



# כ'האָב ליב די פאַרב

כ'האָב ליב די פאַרב וואָס ברענט אַריין אין האַרצן —
דער אָלעאַנדער לעשט זיך גאַרניט אויס —
ווען ס'פאַלט אַראָפּ די נאַכט אַן אומעט־שוואַרצע —
נאָך ליכטיקט אַלץ זיין פייער ביי מיין הויז.

מסתּמא איז שוין אַזוי באַשערט אין לעבן,
אַז אומעטום עס גייט מיר נאָך די פאַרב,
וואָס האָט דער נויט אַ העלן זין געגעבן
און מיר — אַ פרייד אין טעג פון שפּעטן האַרבסט...

1959

# אַ רעצענזע

מען זאָל מיר ניט דערציילן, אַז ס'איז דיכטונג —
איך הער אַ סאָווע פון אַ נאַכטגעמיט...
נישטאָ אַזאַ געזאַנג פון זעלבסטפאַרניכטונג —
אַן אומזיניקער פּרעפּלען איז ניט ליד.

דאָס גראַבלען זיך אין אייטערדיקע ווונדן
און איינרעדן דער וועלט, אַז דאָס איז שיין —
קיין גבורה איז עס ניט און ניט קיין וווּנדער,
נאָר זיכער איז עס מיאוס און געמיין...

אַ קלייניקייט! די לאַמעניש — אַ טוגנט.
די נאַיִעניש פון דער נשמה — רום...
א קריפּל אַ פאַרזעעניש — די יוגנט —
פון מאַמעס בויך אַרויס שוין טויב און שטום...

מען דאַרף פאַרמאָגן כאָטש אַ טראָפּן בושה
צו אויפדעקן די נאַקעטקייט אין שיין.
כ'האָב נישטיקייטן פיל שוין, פיל געוווסט שוין,
נאָר די איז ביז צום נאָפּל מיר אַריין...

אויב עמיצער האָט שטאַרק דערפון הנאה,
זאָל ער זיך באַברען אין זיין אייגן מיסט...
מיר דאַרפן אַקערערד, מיר דאַרפן טויען —
מיר דאַרפן אַלע טאָג פאַרזייען פריש,

אַז די גערעטעניש אין האַרץ זאָל אויפגיין —
צונויפקלייבן די שפע אין דער פרייד,
אַז אַלדאָס פינצטערע זאָל גיכער אָפּגיין —
דאָס ליד דאַרף שטענדיק זיין צו דעם באַרייט!

יוני, 1959

# דער שולדיקער בין איך...

אויב ס'האָט דאָס ליד זיך אָפּגעהאַקט אין מיר —
דער שולדיקער בין איך, בין איך אינגאַנצן...
מסתּם האָט זיך פאַרמאַכט עפּעס אַ טיר
און ס'שטייט צווישן מיר און מענטש אַ וואַנט שוין...

מסתּמא האָב איך עמיצנס אַ וווּנד
ניט צוגעמאַכט און ניט אַרומגעבונדן,
נאָר בלויז אין אייגן צער געווען פאַרטון —
די ביטערנישן אייגענע געשונדן...

אויב ס'האָט דאָס ליד זיך אָפּגעהאַקט אין מיר,
די שטראָף איז מיינע, אַ ביז גאָר-פאַרדינטע,
ווייל מיין געזאַנג דעם מענטשן ניט באַרירט,
ווייל אין מיין האַרץ קיין טרייסטונג ניט געפינט ער...

ע. קלעמענטעל

# עפּעס, עפּעס

עפּעס, עפּעס נאָגט ביים האַרצן.
וואָס? עס פעלט מיר אויס דאָס וואָרט —
אין די אינגעווייידן וואַרט ער —
אים אַרויסהויבן פון דאָרט...

עפּעס, עפּעס אַזאַ טייערס.
וואָס? כ׳זאָל וויסן מיין באַגער —
אַט די נאַגעניש באַפרייען
וואָלט איך אין אַ זודיק טרער.

עפּעס, עפּעס אַזאַ ליכטיקס.
וואָס? איך פיל שוין דעם וויבריר —
כאַטש אַ ציטערדיקס, אַ ציכטיקס —
צו מיין ליד די ליבשאַפט פירט...

זאקאָפּאַנע, 1957

# אין שאָטן פון אַ צפתער סאָסנע

(סאָנעטן)

## פ א ר  אַ ט  ד ע ר  ק ל ו ג ש א פ ט...

פאַר אַט דער קלוגשאַפט ביסטו מיר געפעלן —
אויב ווער מיט דעם געשאַנק עס איז געבענטשט
און איז דערצו נאָך אויך אַ שטיקל מענטש...
וואָס בלייבט אים מערער שוין צו וועלן?

נאָר ס'טרעפט דאָך זייער אָפט, אַ ליידער, ליידער:
די קלוגשאַפט וועלכע פערלט אויף אין בליק
און ס'האַרץ, וואָס אין דער שמאָלער ברוסט זיך שטיקט—
איז קענטיק אין איין גוף צו ענג זיי ביידן...

און דאָ, פון אַט דער קלוגשאַפט בלייבט ביי מיר
אַ שמייכל, וואָס דאָס האַרץ פון קעלט פאַרפרירט,
אַ ווערטל, וואָס דאָס אינגעווייד צעלעכערט...

אַז ליבערשט איז מיר דאָן שוין צו דערהערן
אַ פלאַפלען בלויז, אַ שמייכעלע דורך טרערן,
אַ נאַרישקייט אויף גאַרניט אויסגערעכנט...

## אין וועלכער טיף?

די פּקחות דיינע האָב איך בלד דערקענט
אין ווינקעלע פון ליפּן איינגעשניטן,
אין בליק, וואָס האָט מיט מיינעם זיך געמיטן,
אין אומרואיקן בויג פון דיינע הענט.

נאָר ווו איז ער, אין וועלכער טיף פאַרבאָרגן,
דער ציטער פון דיין מינדעסטן געפיל?
ביז היינט נאָך האָב איך אַלץ אים ניט דערפילט
און כ׳צווייפל, צו דאָס וועט געשען מיר מאָרגן...

אַזוי איז עס מסתם מיר שוין באַשערט:
די שיינקייט גיט אַ בלענד מיר אין די אויגן
און ווי אַ פראַכטפויגל אַוועקגעפלויגן...

אַז ס׳בלייבט אַ שפור מיר בלויז פון אַט דער טרער,
וואָס אין אַ ווינקל פון אַן אויג פאַררונען —
פאַרלאָרן כ׳האַב, ווי גיך איך האָב געפונען.

צפת, 1956

# איז גוט מיר אויך מיט דעם

איך ווייס, איך ווייס, דאָס האָט זיך מיר געדאַכט,
אַז עפּעס וואָס אין דיר הויבט אָן צו רירן.
מסתּמ האָב איך אַליין געוואָלט דערשפּירן:
די אייז־ברילע פון דיין געמיט, זי קראַכט...

און כ׳וויל אַזוי, אַז דו זאָלסט אויך עס וויסן,
אַז כאָטש דאָס האָט מיר בלויז זיך אויסגעדאַכט:
אַ שטערן האָט פאַר מיר זיך אויפגעמאַכט
און קוואַלן וואַרעמקייט פון אים זיך גיסן —

איז גוט, איז גוט מיר אויך טאַקע מיט דעם,
כאָטש ס׳גיט מיר אָפּטער אַלץ ביים האַרץ אַ קלעם
און כ׳ווער פון בענקשאַפט אויפגעציטערט —

אַ טאָג און צוויי, דאָס וועט דאָך אויך פאַרגיין,
דאָס בלוט און אויך די צייט בלייבט דאָך ניט שטיין...
און וועמען האָט דער טרויער ניט געמיטן?

צפת, 1956

# דער טויכער

פון פאַרנט ליגט דער כנען אויסגעצויגן —
אַ הויקערדיקער ברוין-געפלעקטער ריז.
אַ פויגל איז פון שפּיץ אַראָפּגעפלויגן —
זיין פלי האָט מיר אין האַרצן זיך פאַרשפּיזט —

וואָס זוכט ער, אָט דער פויגל, אינעם טאָל, און
צי וועט ער באַלד אַרויפקומען צוריק ?
איך האָב אַ בילד אַזאַ זיך אויסגעמאָלן :
אַ טויכער אייביק זוכט אַרום זיין גליק

אין טיפעניש פון ים אַראָפּגעזונקען —
דער טויכער און דער פויגל וואָס אין טאָל —
דאָס גליק פון וויטן האָט זיי צוגעווונקען —

צי וועלן זיי געפינען אים אַמאָל ?
און דיר, און דיר ? צי דער פאַרגלייך געפעלט ? —
אין אים פאַרבאָרגן איז אַ גאַנצע וועלט.

צפת, 1956

# וואָס בלײַבט צו טאָן?

נשקשה, כ'הער דעם אָטעם פֿון די צווײַגן.
כ'פֿאַרשטיי אַמאָל די נאָרלשפּראַך,
ווי איך פֿאַרשטיי איצט אויך דײַן שווײַגן,
כאָטש זייער אָפֿט זיך טרעפֿט, מיר דאַכט,

אַז כ'רעד מיט פֿייגל זייער לשון,
נאָר מיט אַ פּרײַנט די שפּראַך כ'פֿאַרליר —
דאָס פֿלעמל פֿרייד ווערט גיך פֿאַרלאָשן
און ס'האַרץ — פֿון אומעט עס פֿאַרפֿרירט...

און דאַן, וואָס בלײַבט אונז טאָן אין צווייען? —
פֿאַרשטומען ביז דער שפּעטער שעה
און פּרווון אַליין די פּיין צעווייען,

וואָס אָנגעזאַמלט האָט זיך דאָ.
מײַן פּרײַנט, דו שווײַגסט אַזוי שוין לאַנג —
מיר טוט דײַן שווײַגן באַנג, ווי באַנג!

צפת, 1956

# בײַ יאָסעלע בערגנער אין צפת [75]

## אַ

בײַ יאָסעלע בערגנער אין צפת —
אַ װעלט מיט אַ װעלט קומט צוזאַמען:
פֿון װאַרשעװער ניזקע דער יאָט,
װאָס צינדט אָן די דראָטן מיט פֿלאַמען

און אויך דער מקובל פֿון קלױז,
װאָס גליט אין די נעכט אױס אַ תּפֿילה,
אַז ס'זאָל דער אר״י [76] שױן אַרױס
צו ברענגען פֿאַר ייִדן די גאולה...

בײַ יאָסעלע בערגנער אין צפת —
די שכינה רעדט אָפּ זיך אַ טרעפֿונג
מיט מאַנישעס ליבּ, װאָס פֿאַראַט
דעם פֿאַרבּטיקן שפּרוך פֿון די לעפֿצן...

דאָס ליכט פֿונעם לעמפּל װאָס צאַנקט
און װיל אַזױ גיך ניט דערברענען...
דער יונג פֿונעם געטאָ, װאָס באַנג
אים זײַן גרױליקן גורל דערקענען...

בײַ יאָסעלע בערגנער אין צפת —
װער װײסט, װאָס נאָך אַלץ איז באַהאַלטן —
ס'געשרײ פֿון אַן אַלטן סאָלדאַט,
װאָס האָט ניט זײַן צוזאָג דערהאַלטן —

אַ קינד אײַנגעשלאָפֿן אין שנײ
אַזױ װי די אומשולד פֿון טױבן...
בײַ יאָסעלע בערגנער טוט װײ —
דער װײ, איבער צפת איז דערהױבן!

צפת, 1956

# ניט קיין פאַווע

די פּאַלעטרע פון אַ רעגנבויגן
האָט אַ הימל אויפן לייוונט אויפגעבליט...
ניט קיין פּאַווע איז פון ווייטן אַנגעפלויגן,
נאָר אַ שטילקייט פון אַ לויטערקייט-געמיט.

און אַ וווּנדער, גאָר אַ וווּנדער בלויז! —
אין די צפתער שאָטנדיקע געסלעך
האָט אַ שיין-געטאָן אַן אַלטע קלויז —
זילבערדיק אַזוי און אומפאַרגעסלעך —

אַזש צערוקט זיך האָבן ברייט די ווענט
פאַר דער העלקייט, וועלכע גייט אַריבער...
גלייך דעם אַלטן צפת וואָלט דורכגעברענט
עפּעס אַזאַ שטראַלנדיקער פיבער...

ניט קיין פּאַווע איז פון ווייטן אַנגעפלויגן,
נאָר אַ קלאַנג אַזאַ, קוים-קוים צו שוועבן —
די פּאַלעטרע פון אַ רעגנבויגן
האָט אַ בלויען נאָמען אים געגעבן —
אַדרי...״

צפת, 1956

# די שכינה רוט אויף מיר...

די שכינה רוט אויף מיר,
ווען כ׳קום אַריין אין מיין באַליבטן ווינקל —
די מוזע עפנט אויף די טיר
און איין קלאַנג נאָך אַ צווייטן גיט אַ פינקל...

און ס׳קייטלען זיך די קלאַנגען אין אַ ליד
און כ׳זע די וועלט אַן אַנדערע ווי פריער —
מיט אומרו פול ווערט פלוצלונג מיין געמיט —
מיט אומרו דעם געבענטשטן פון זיך מיען...

די שכינה רוט אויף מיר
און אַלץ ווערט הייליק מיר אַזוי און טייער —
די מוזע עפנט אויף די טיר
און איך גיי פון מיין בענקשאפט זיך באַפרייען...

ע. קלעמענטעל, 1960

# אין אַ שפּעטער צייט

קיינער האָט מיך ניט געלערנט,
ווי די בלום מען רופט...
נאָר איך פיל — פאַרשיכורט ווערן
קען מען פון איר דופט.

און אַ וווּנדער איבער וווּנדער:
אין אַ שפּעטער צייט
בליט די בלום זיך אָפּגעזונדערט,
בונטיק און פאַרשייט...

ווייל די בלום אַמאָל ניט זאָגן:
גיב אַ קוק מיין פריינט,
כאָטש די דיכטער האַרבסטיק קלאָגן —
דופטיק איך און שיין?

סאָפּיא, 1960

# די זון אין די אויגן

די זון אין די אויגן, די זון אין די האָר,
די זון אינעם בלוט, אויף דער הויט.
און ווען באַשערט עס איז נאָך אַזאַ וואָר —
וועט קיינמאָל באַשערט זיין דער טויט.

אַ בוים, אַז ער גיט זיך אַ ציִ צו דער בלוי,
צי ווערט אים פאַרמינערט דער שאָטן ?
און אויב אים באַפּערלט באַגינען דער טוי,
צי איז ער אין דיר ניט געראָטן ?

1950

# VII

# יידיש

# איך בין אַ ייד...

איך בין אַ ייד, ווייל כ׳בין אַ מענטש.
און אפשר איז דער „ווייל" אַן איבעריקער —
מיט אַלע מעלות פון מיין פאָלק געבענטשט,
מיט אַלע די חסרונות אַ באַגליקטער...

אַ ייד אַ מענטש — און דאָס איז שוין אַ סך ! —
און אפשר גאָר צו ווייניק. ווער קען וויסן ?
דאָס לעבן האָט פאַר מיר זיך אויפגעמאַכט
און איך האָב זיך אין לעבן איינגעביסן

מיט ציין און נעגל, ווי אַ וואָלף אין רויב,
איך זאָל חלילה גאָרניט ניט פאַרלירן...
אין אַלע שיינקייטן פון לעבן כ׳גלויב
און אַלע טרויערן פון האַרץ מיך פירן.

אין אַלע ליבשאַפטן איך כאַפּ זיך אָן
און די אַנטוישונג טוט מיר ניט פאַרמיידן...
און אַז מען דאַרף, דאָס לעבן כ׳שטעל אין קאָן
און כ׳רייס זיך דורך אין דזשונגל פון די ליידן...

אין בלוט און טרערן, פייערבראַנד און רויך
מיין לעבן איז שוין אויסגעפרווט געוואָרן —
פון טיפסטער טיף שוין ווידער אין דער הייך —
איך דויער ווי דער פלאַם פון חומש-דאָרן...

אַ ייד אַ מענטש. נאָר איין זאַך כ׳פאַרגעדענק
און איין זאַך טאָר איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן:
די שפלות — אויב אַ פינגער נאָר מען שענקט —
דאָס גאַנצע לייב פון שפלות ווערט צעפרעסן...

1957

# דעם טאַטנס קבר

סע וויינט און קלאָגט אין מיר איעדער אבר:
פאַרוואַרלאָזט בלייבט אַליין דעם טאַטנס קבר...

די ערד, וואָס איינגעהילט האָט זיין געביין —
באַגלייטן וועט מיין וועג מיט אַ געוויין.

מיין שלאָף וועט אויפרייסן אין מיטן נאַכט
דער שטיין, וואָס אויף מיין טאַטנס קבר וואַכט...

און כ'וועל אין גאַנג פון רוישנדיקן טאָג
דערהערן ווי מיין טאַטע דאָרטן קלאָגט:

פאַרוואָס ביסטו אַוועק מיין קינד, פאַרוואָס?
פאַרוואָקסן איז דער שטעג צו מיר מיט גראָז —

די ערד וואָס איז געוועזן דיר אַ וויג,
דער הימל, וואָס צעהעלט האָט אין דיין בליק,

די זון, וואָס האָט פאַרברוינט דיין יונגע הויט,
דאָס פעלד, וואָס האָט גענערט דיר מיט זיין ברויט —

דער וואַלד, וואָס אונטער יעדן צווייג פון בוים
באַהאַלטן האָסט אין גרינשאָטן דיין טרוים —

דאָס אַלץ מײַן זון געוואָרן איז דיר שווער...
און דו פֿאַרלאָזט עס אָן אַן אײנציק טרער —

גלײַך וואַרפֿסט אַראָפּ פֿון זיך אַ שווערן שטײן
און מיד דײַן טאַטן לאָזטו דאָ אַלײן...

געדענק מײַן קינד, די ווײַט איז קאַלט און פֿרעמד!
און כאָטש דײַן ערד האָט דיר אַמאָל פֿאַרשעמט...

און כאָטש דאָס ברויט האָט ביטער דיר געטעמט
און אויף דײַן לײַב איז נאָך אַ וווּנד פֿאַראַן,

און כאָטש עס גיט אין האַרץ אַ נאַג מיט שרעק —
דערמאָנונג פֿון פֿאַרוואָלקנט-שוואַרצע טעג —

איז זיסער דאָך די הײם, וואָס טוט דיר וויי,
ווי ווײַטע פֿרעמד, וואָס מיט אַ קעלט פֿאַרווײט...

איז זיכער דאָך אין הײם דאָס חורבה-הויז,
וואָס איז געבליבן פֿון דײַן קינדהייט בלויז.

ווײַל הײם איז הײם — וועט אײביק בלײַבן הײם,
ווי אײביק ס'וועט דאָ רוען מײַן געבײן.

ווי אײביק ס'וועט אַרומרוישן דער ווינט
און שעפּטשען מיר אַ טרײסט אַנשטאָט מײַן קינד..."

סע ווײנט און קלאָגט אין מיר אַיעדער אבר:
פֿאַרוואָרלאָזט בלײַבן וועט דעם טאַטנס קבר...

מלכהן אין ליבשאַפט

# אין חודש מערץ [78]

א

די ווונד אין האַרץ איז פריש נאָך און זי אייטערט.
דער אומעטבליק איז אַלץ אַזוי פאַרטרערט.
דער אָפשיין פון אַ פלאַמענדיקן שייטער
ביים הימלראַנד די בלויקייטן פאַרצערט...

ווער ווייס, ווער ווייס, אויף וועלכע קרומע וועגן
די מאַמען האָט אַ טויטפויגל דעריאָגט —
איך קען זיך אַלץ ביים שטערן ניט דערפרעגן,
אין וועלכער נאַכט, אין וועלכער שעה פון טאָג?

ס'וויל קיינער אַלץ קיין ענטפער מיר ניט געבן —
דער ווינט אַליין דאָס רעטעניש באַהאַלט —
איר אַנדענק נאָר — אַ ווייסע טויב אין שוועבן —
עס פיבערט אויף פאַרנאַכט אין דיין געשטאַלט...

ב

עס טרעפֿט אַמאָל, אַז איך דערזע די מאַמען —
זי טויכט אַרויס פֿון דיין צעהעלטן בליק...
זי קומט אַזוי פֿון ווייטקייטן צו שפּאַנען
און שלייכט אַריין אין אונזער היים צוריק.

איך זע, זי בויגט זיך שטיל אַראָפּ צום וויגל,
ווו אונזער קינד פֿאַרהערט זיך אין איר קלאַנג...
און אַט כ׳דערזע, זי קוקט אַראָפּ פֿון שפּיגל,
און אַט ווי דיר, עס טוט איר עפּעס באַנג.

און ווען פֿאַרנאַכט, דו לענסט דיין קאָפּ אַנידער
ביים ראַנד פֿון טיש — ס׳צעשיטן זיך די האָר —
דערזע איך אונזער מאַמעשי באַלד ווידער,
ווי לעצטן טאָג פֿון פֿאַר-מלחמה-יאָר...

ג

דערמאָן ניט מער די צייט, וואָס איז אַנטרונען —
דער לעצטער שניי פֿאַר-פֿרילינג שיט און שיט.
אין חודש מערץ האָסטו די פֿרייד געוווּנען —
די העלע פֿרייד, וואָס זינגט אויף אין מיין ליד.

אין חודש מערץ עס ווערט דער שניי צעטייען
און ס׳ווערט אַ שטראָל אַריינלאַכן אין וויג...
ווערט אויך דיין האַרץ פֿון טרויער זיך באַפֿרייען —
דער אַלטער צער ווערט אויסרינען פֿון בליק.

און אונזער היים — אַ שטילע נעסט אין פֿרילינג —
ווערט אויפֿפֿרישן די לויטערדיקע פֿרייד.
ווי גוט דעם בוים צו אַנען פֿון זיין בליאונג,
כאָטש ס׳זילבערט אין די צווייגן נאָך דער שניי...

לאָדזש, מערץ, 1947

# דער זעקסטער קלאס

מיין זונעלע איז היינט אַריין אין זעקסטן קלאַס,
גלייך כ׳וואָלט די קינדהייט אייגענע געפּירט זיך לערנען..
אַיענער טאָג — שוין אין גדעכעניש פאַרבלאסט,
ווי אלע ביכלעך דורכגעלייענטע זשול ווערנעס.

נאָר איך געדענק דעם רבין מיט דער באָרד —
אַ פייערשפּריץ פאַרפּלייצט דעם טלית-קטן.
פון אַלעף-בית דאָס ערשטע שטאַמלוואָרט —
אַ סטעזשקעלע צום לעבן אויסגעטראָטן...

דער חדר מיטן קליינעם פענצטערל און וואַנט
פון וואַנען גאָלד, ווי האָניק פלעגט דאָרט רינען...
דעם רבינס ביינערדיקע, אויסגעבלייכטע האַנט,
וואָס פלעגט די טייבעלעך אין בוזעם אויסגעפינען...

עס גלויבט זיך קוים, אַז דאָס איז אַלץ אַמאָל געווען:
די תלמוד-תורה מיינע און די זעקסטע כתה,
פון מלך דוד יענעם צער צוערשט דערקענט,
ווען יונתן זיין פריינט געוואָרן איז פאַרשניטן...

די ערשטע קינדער-טרער באַהאַלטן אָפּגעווישט,
פאַר טרייער חברשאַפט, וואָס דויערט ביזן קבר...
אַיענע צייט איז שוין מיט בלוטן אָפּגעווישט —
פון אַלטער היים פאַרבראַנדט אַיעדער אבר.

נאָר שווער, אָ שווער איז צו דערציילן היינט מיין קינד
דעם טאַטנס ביטער-צער, זיין ניט געשטילטן טרויער —
אַרום איז אַזאַ פרישע לויטערקייט אַצינד
און ס׳לאַכט צום קינד מיינעם, דער זעקסטער קלאַס ביים טויער..

1959

# צו וואָס באַהאַלטן נאָך?

צו וואָס באַהאַלטן נאָך מיין בענקשאַפט?
די ערד ווו כ'האָב דערזען דאָס ערשטע ליכט —
איך טראָג אַרום זי אייביק אין געדענקשאַפט,
כאָטש יאָרן אַנגעוואַלגערט שיכט אויף שיכט —

קוקט זי אַרויס, די היים, מיט אויגן-פיבער...
און מאָנט ביי מיר אַ חשבון שטרענג און האַרט:
„ווו האָסטו עס פאַרוואַנדערט — וויט, מיין ליבער,
אַז איך, דורך אַלע יאָרן וואַרט און וואַרט —

און קען זיך ניט דערוואַרטן דיין צוריקקער..."
די אַלטע היים זי שרייט אויף אין מיין בלוט,
אַז איך, גלייך איך צעריסן ווער אויף שטיקער
און ס'האַרץ אַ הילפּסלאָזע פאַרגייט אין גלות...

און וואָס זאָל איך איר ענטפערן, דערציילן?
אַ מאַמע — זי וועט גלויבן אויפן וואָרט...
די נייע היים מיין וווּנד קען ניט פאַרהיילן
און איך געפין זיך אַלץ נאָך ניט קיין אָרט.

אויף וואָסער ברייט מיין נעסט כ'זאָל ניט פאַרלייגן,
איז אָפּגעטאָן די רו פון מיין געמיט,
נאָר דו מיין פוילן-היים בלייבסט אייביק אייגן
און בלויז פאַר דיר — פון האַרץ אַרויס מיין ליד.

1960

# מײַן פּוילן

## א

כ׳האָב הײנט פֿאַרבענקט זיך, שטאַרק פֿאַרבענקט זיך
נאָך מײַן פּוילן —
ער איז געװעזן און פֿאַרבליבן מײַן!
און כ׳װיל עס גאָר פֿאַר קײנעם ניט פֿאַרהוילן,
אַז ס׳טרינקט מײַן האַרץ נאָך גיריק פֿון זײַן שײַן...

די ריחות פֿון מײַן פּוילן מיר דערגרײכן —
די גרינע פֿעלדער, דער רומיאַנעק-דופֿט,
דער סאָסנערװיש דערטראָגט צו מיר אַ צײכן,
אַז עמעצער מײַן נאָמען גיט אַרוף —

דאָס איז מײַן קינדהײט אַלץ דאָרטן פֿאַרטײעט —
אין שטיבעלע פֿון אָרעמקײט זי װאַרט —
אַ פֿרילינג פֿון דער קלעם זאָל זי באַפֿרײען —
אַרױסלױפֿן צום גרױסן לעבנסטאַרט...

צום אויפגעוועקטן, יווערנדיקן לעבן —
דאָס האָט מײַן יוגנט מיט אַ הייסער פאַרב
אויף הימלדראָטן זיך אַ צונד-געגעבן...
אין איינעם אַזאַ וויינענדיקן האַרבסט,

אַז ס'האָבן זיך די תפיסה-ווענט צעשאָטן —
די קראָטן אויסגערונען פון מײַן אויג...
אַ פוילן, ס'איז מײַן קינד אין דיר געראָטן —
אין דײַנע טרערן-ווערבעס שלאַנקן בויג...

אין כוואַליע-שעפּטש בײַ ווישעגראַדער ברעגן,
ווו טויזנט יאָר פאַרוואָרצלט האָט מײַן שטאָם,
אין סעדער, ווו מיט זיידנס האָט געדעגנט,
נאָך איידער ס'האָט פאַרטיליקט זיי דער פלאָם...

✶

מײַן קינד האָב איך פון פלאָם אַרויסגעטראָגן —
איעדע רגע גיט ער אַ דערמאָן,
ווי ס'הויבט די ווייסל אָן באַגינען טאָגן
און ס'צינדן זיך די קעפּעלעך פון מאָן,

ווי בלוט-טראָפּנס אין געדטענער פאַרזייטע...—
דער זכר פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרלענדט.
די ימען צער אין טרערן אויסגעוויינטע —
אין מײַנס אַ בליק בײַם קינד האָב איך דערקענט!

כ'האָב הײַנט פאַרבענקט זיך, שטאַרק פאַרבענקט זיך נאָך מײַן פוילן —
מײַן האַריץ, עס טרינקט זיך אָן נאָך מיט זײַן שײַן —
דורך אַלע פײַנען און דורך אַלע גרוילן
ער איז געווען און פאַרבליבן מײַן!

יולי, 1959

# ק.פ.פ. 79

אַט דער וועג פון אַ דור דורכגעגאַנגען —
יעדער טראָט איז פאַרקריצט אין געמיט.
אויך די פרייד פון די אַלטע געזאַנגען —
מיט אַ טרויער איז זי דורכגעגליט,
נאָר דער וועג, כאָטש ער טוט אונז אָפּט באַנגען —
מיט דער טריישאַפט אַן ברעגן פאַרהיט!

גיב אַ קוק: יעדער טראָט איז געצייכנט —
אויפן לייב מיט אַ וווּנד אויסגעשטעפּט,
מיט אַן אָטעם, וואָס קען קוים דערגרייכן
אונזער יוגנט אין נעכטן פאַרוועבט,
מיט אַ חלום צו בלויאיקע הייכן,
וואָס אין וואָר האָט פאַרשפּינט ק. פּ. פּ.

אַט דער חלום אויף סטאַווקע און ניזקע,
אויף כאַנייקעס, אויף באַלוטער הייף,
ווו דער קינדהייטס סוכאָטישע פּיסקעס
יאָגן אום אַ פאַרזשאַווערטן רייף.
אַ געזינט זאַלבעאַכט ביי דער מיסקע...
און אַ זעלטענער גילדענער שטרייף.

טוט אַ שייבל פון קעלער באַזוימען —
אויף אַ וויגל אַ האָפּקע און אויס...
אוי, ווי גוט ס'איז געווען צו טרוימען:
פון דער נאַכט און פון קעלער אַרויס
זיך אַ לאָז טאָן צו וואַלד און צו ביימער —
צו אַ ברויט ווי די זון אַזוי גרויס...

אַט דער חלום געצונדן אויף דראָטן —
אין די בליקן פון מידקייט דערשעפּט
האָט דער צער און דער צאָרן געזאָטן.
און די אותיות דריי ק.פּ.פּ.,
ווי אויף זוניקע שטיגן געטראָטן
צו אַ וואָר וואָס אין תכלית פאַרשוועבט...

גיב אַ קוק: אַט דער וועג דורכגעגאַנגען
פון וואַלינסקע ביז לענינאַ העט,
דורך מאַקאַטאָוו און באַטווין-געזאַנגען —
לעוואַרטאָווסקי מיט טויט אין געוועט —
דורך די פעלדער מיט פּוילישע זאַנגען,
ווּ עס צייטיקט שוין איצטער די זעט —

אַט דער וועג — אונדזער גרויסע ירושה.
אונזער ליד אין דער וואָר איז פאַרוועבט!
און דאָס האַרץ, וואָס האָט טרויער געוווּסט שוין —
הער זיך צו זיינע פרייידיקע קלעפּ!
אונזער פאָן איז אויף אייביק באַרוט שוין
אין דער רום וואָס זי טראָגט — ק. פּ. פּ.!!

וואַרשע, יאַנואַר, 1959

# די שפּיל אין וואַ באַנק...

פֿון אַלע פֿנימער איך ווייס זיין פּנים,
דורך אַלע מאַסקעס זע איך זיין געשטאַלט.
דעם שונא פֿאַר אַ מייל אייביק כ׳דערקאָן אים —
זיין שאָטן מינדעסטער מיין בליק פֿאַרהאַלט...

אַט שעפּטשעט ער מיר עפּעס אינעם אויער —
זיין „צניעות-לשון“ — ווייכער נאָך פֿון זייד...
זיין יעדער קלאַנג איז דורכגעזאַפּט מיט „טרויער“,
זיין יעדער זיפֿץ ביים האַרצן גיט אַ שנייד...

ער מיינט בלויז די „גערעכטיקייט“ באַשיצן! —
נאָר אומגעריכט, עס טרעפֿט אַ רגע בלויז —
אַ גאַליקייט עס הויבט אָן פֿון אים שפּריצן —
אַ פֿלאַם פֿון שנאה שיסט פֿון אים אַרויס:

„דער סאָציאַליזם“ — הילכט ער — „פּאַניע מילי —
אַנטלויף, פֿאַרשווינד פֿון אים, ווי פֿון אַ פּעסט!“ —
דעם שונא אין זיין אויפֿברויז כ׳וועל דערפֿילן
אין יעדן שמייכעלע, אין מינדסטן זשעסט... —

מיט ריידעלעך הכנעהדיקע, זיסע...
פֿאַרטייעט ער פֿון מעסער דעם געבלאַנק.
אַ רגע און מיין טרוים ווערט אויפֿגעריסן —
דער פֿיינט און איך, מיר שטייען אין וואַ באַנק!...

זאַקאָפּאַנע, 1957

# אַזוי האָסטו דורכגעליטן שוין

אַזוי פיל האָסטו דורכגעליטן שוין,
אַזוי פיל ווייטן שוין אַדורכגעוואַנדערט!
איך האָב געמיינט, האָסט זיך געביטן שוין,
אַז עפּעס וואָס האָט זיך אין דיר פאַראַנדערשט...

מיך האָט געדאַכט, אַז דו דערפילסט די ערד —
דיין בליק מיט שלווה אויפגעגאַנגען,
אַז בלויז פון פרייד עס ליכטיקט אויף די טרער
אויף דיינע ברעמען אָנגעהאַנגען...

נאָר אָנשטאָט רו, מיט אומרו טראָגט פון דיר.
איך זע, די ערד אַהינטער דיר זיך וואַקלט...
אויף וואַגלענישן ווידער דיר פאַרפירט
דער אַלטער בענקענישן-פאַקל!

דער וואַנדערשטעקן איז שוין אָנגעגרייט —
עס בלייבט דיר מיט דער ערד זיך נאָך צו שיידן...
איך ווייס, אַז די צעשיידונג איז אָן פרייד —
אַ שאַרפער טרויער גייט אויף אין אייך ביידן —

אין דיר, וואָס דו פאַרלאָזט די אַלטע היים
און אין דער ערד, וואָס האָלדזט דיר ווי אַ מאַמע...
אַז איר האָט שטאַרק געליבט זיך אין געהיים —
דאָס האָט איר ערשט ביים שיידן זיך, פאַרשטאַנען...

זאַקאַפּאַנע, 1957

# מײַן ייִדיש

װי מאָדנע ס׳דאַרף דאָ קלינגען הײַנט מײַן שפּראַך,
אין זוניקער, דער שײנער זאַקאָפּאַנע —
די פּאַסנע קעגן מיר האָט זיך צעלאַכט:
אַ קלאַנג אַזאַ אַ װײַטער... ניט פון דאַנען —

זי האָט אים שױן מסתּמא אַמאָל געהערט...
אַ סך, אַ סך מען רעדט דאָ די לשונות —
פון אַלע זײַטן פון דער גרױסער ערד,
דאָ קומען ברידער נאָך װי איך אַזױנע —

אַ הײלונג צו געפינען פאַרן גוף —
אַ זאַלב פאַר די צעװײטיקטע געמיטער...
און מיך האָט די געזונטיקע דופט
פון זאַקאָפּאַנע אױך ניט אױסגעמיטן.

װי מאָדנע ס׳דאַרף דאָ קלינגען הײַנט מײַן שפּראַך,
כאָטש זי איז אױף דער ערד דאָ אױפגעגאַנגען
צוזאַמען מיט דער פּאַסנע בײַ מײַן דאַך,
צוזאַמען מיט די דעמערונג-געזאַנגען,

װאָס קױלערן אַראָפּ אין טיפן טאָל
אַן אומעט אַזאַ נאָגנדיקן װײַטן,
נאָר דאָס איז דאָך געװען אַמאָל, אַמאָל —
מײַן ייִדיש פון קאַזשימערזש-װיעלקים צײַטן.. 80

זאַקאָפּאַנע, 1957

# שמואל האַלקין

האַלקין, אונזער דיכטער שמואל האַלקין —
לערער, חבר, ליכטיקער פֿאַרמעג! —
ווייסט אַ מענטש דען שטענדיק, וואָס ער אַליין קען,
ווען דער זומער קלייבט זיך שוין אין וועג?

דאַכט זיך וואָס, דער סאַמעט-בלויער שאָטן
דינער ווערט, אַ ווייל און ער פֿאַרשווינדט.
בלעטער גוססן אויף דר׳ערד צעשאָטן —
יאָגט זיי אין די עולמות דער ווינט...

איז די צייט פֿון נסים שוין פֿאַרגאַנגען?
דאָס פֿאַרקערטע קען געשען אַמאָל —
אינעם האַרבסט צעפּרילינגן פֿאַרלאַנגען
און דער וואַלד צעשאַלט זיך אויף אַ קול...

וויסט אַ מענטש דען שטענדיק, וואָס אַ וואַלד קען,
ווען דער זומערלעב האָט שוין פאַרגליט?
אויך אַזוי איז אונזער שמואל האַלקין —
ווער קען זיך פאַרגלייכן מיט זיין פלי?...

דאכט זיך וואָס, געפּראָסטיקט האָט זיין שטערן,
נאָר די אויגן זיינע — אַזאַ שיין...
גלייך מ׳וואָלט דאָרט אַ געזאַנג דערהערן
אונטער טיפע שיכטן פון זיין פּיין.

ס׳איז זיין שטים נאָך לויטערער געוואָרן,
ווי דער נס געווען וואָלט אים באַשערט —
אינעם האַרבסט צעבליט האָבן די יאָרן
מיטן ריח פון דער גרינער ערד... —

רייפט אין אונז דער שניט פון זיינע יאָרן —
מיט זיין שאָטן — קיינמאָל-ניט פאַרגיין.
מיר וועלן די ליבשאַפט אים ניט שפּאָרן —
אָפּהיטן זיין ליכטיקן פאַרזיי...

# דאָס אַלץ, דאָס אַלץ...

די נעכט וואָס כ׳האָב דורך יאָרן ני׳ט דערשלאָפֿן,
די פֿרייד, וואָס כ׳האָב אין טרויער איינגעהילט,
דעם צער, וואָס כ׳האָב פֿאַרוועבט אין מיינע סטראָפֿן,
דער גרויל, וואָס האָט אין אָדערן פֿאַרקילט —

דאָס אַלץ, דאָס אַלץ האָב איך געמוזט פֿאַרהוילן,
אַז ביי דעם גרויסן צונטערדיקן פֿלאַם —
אַ פֿויגל כ׳זאָל די פֿליגל זיך פֿאַרקוילן...
צי איז אַ שטראָף אַ גרעסערע פֿאַראַן?

נאָר כ׳האָב פֿאַרהיט פֿון בייזן אויג דאָס פֿייער —
באַשיצט אים און באַשירעמט אין מיין זעל,
ער זאָל אין שעה פֿון האָפֿענונגען נייע
אַרויספֿלאַמען נאָך ווידער ביי מיין שוועל...

דער צער, וואָס האָט פֿאַרונען אין מיין אַפּל —
כ׳זאָל אויסוויישן אַ מאָל נאָך מיט דער האַנט
און אויפֿהויבן זיך העכער נאָך אַ שטאַפּל
צום באַרג אַרויף פֿון אונזער ערגעץ-לאַנד...

1956

# איך צייל די נעמען...

איך צייל די נעמען אין מיין טייערסטן פאַרמעגן —
מיט פאַרכטיקייט איך שעפּטש אַ יעדן קלאַנג —
זיי זיינען מיילשטיינער געווען אויף מיינע וועגן —
דער אָנהייב פון מיין ליכטיקן געזאַנג...

מיין גאַנצער דור האָט זיך אין זיי געשפּיגלט —
איטלעכער נאָמען איז געווען אַ פאָן.
און זייער ליד האָט אונזער האַרץ באַפליגלט
צו שטעלן זיך אין גאַנג אַ נייעם קאָן...

ווי גוט געווען, ווי גוט מיט זיי צו שפּאַנען
צום ציל וואָס האָט די נאַכט אַדורכגעשפּיזט —
אין קאַרצער-לאָך דעם אייזיקן צו אַנען:
די שיין פון זייער חלום דיר באַשיצט.

אַ ניין, אַ ניין, דאָס האַרץ עס וויל ניט גלויבן! —
דאָס האַרץ, ווי אַלע מאָל פאַרעקשנט אין זיין טרוים,
וווּ ס׳יאָגן זיך אַרום דאָרט ווייסע טויבן
און ס׳זינגען נאָך די פייגל אויפן בוים...

דאָס האַרץ עס האָט געוווּסט, אַז ס׳וועט דאָך קומען
דער זומער נאָכן פראָסטיקן זאַווײ —
באַשערט איז איר געווען אין צער פאַרשטומען
ביז ס׳וועט די פרילינגס-קריעה טאָן אַ גיי!

1956

# די היענעס...

ווען כ'הער פון די היענעס דאָס קלאָגן —
פון צאָרן פאַרגייט מיר מיין בליק.
פאַרוואָס זאָלן זיי עס פאַרמאָגן
פון אונזערע טרערן ... דאָס גליק ?

פאַרוואָס זאָלן זיין זיי די טרערן,
גלייך פּערלען געשטופּטע אין טאַש —
די שאָדן-פרייד — ס'האַרץ זאָל זיי נערן...
ווען ס'האַרץ ווערט פון ווייט אונדז פאַראַשט ?

פאַרוואָס זאָל זיי אַלץ דאָס באַקומען —
דער „פינגער-פאַרבּרעך", דער „פאַרדראָס"...
ווען ס'גיריקט אַזוי זייער גומען
נאָך בלוט און נאָך טרערן —
פאַרוואָס ? !

1956

# צו רחל בוימוואַל

כ׳געדענק, כ׳געדענק, דאָס איז געווען אין האַרבסט,
נאָר ס׳האָט מיין היימשטאָט אויפגעפרילינגט.
איעדעס בלאַט געוויינט האָט, אַז עס שטאַרבט...
נאָר ווער האָט איר געוויין געקענט דערפילן,

אַז דו ביסט מיטגעגאַנגען אין דער ריי?
גלייך ס׳וואָלט דער האַרבסט אַ פרילינג-בלי צעשאָטן —
די ערד, וואָס ניט געוווּסט האָט פון קיין פרייד
האָט דעמאָלט ס׳ערשטע מאָל פריי אָפּגעאָטעמט.

געקומען ביסט פון מאָסקווע דאַן צו גאַסט —
די שטאָט פון אונזער חלום אויפגעהעלטן.
דיין יונגער טראָט איז פול געווען מיט האַסט
פון עפּעס אַנדערע, גאָר שיינע וועלטן...

פון וואַסער טיף האָסטו געשעפּט דיין ליד?
צו וואַסער הייך דיין קלאַנג איז ער פאַרפלויגן?
דער ברוק האָט אויסגעזונגען דיינע טריט
און אויפגעלאַכט צו מיר מיט דיינע אויגן...

ווי גוט איז דאַן געווען אויפן געמיט,
אַז דורך די אַלע געטאָס-גרוילניאַרן
האָט דיין געשטאַלט — ביי מיר אין האַרץ פאַרגליט —
די טוּיאיקייט און פרישקייט ניט פאַרלאָרן,

ווי יענעם טאָג געדענקפולן אין האַרבסט,
ווען דו האָסט אין מיין היימשטאָט זיך באַוויזן —
איעדעס בלאַט געוויינט האָט, אַז עס שטאַרבט,
נאָר ס׳ליד האָט עס פון טויט אַרויסגעריסן...

1957

# VIII

# שפּליטערס

# די דיכטער פון געוויין...

ווי ס'איז דערווידער מיר געוואָרן זייער וויינען —
די דיכטער פון דעם פּאַטענטירטן צער.
אין דרויסן פרילינגט עס, נאָר פון זיי קיינער —
הלילה האָבן זאָל אויף דעם געוואָרט...

די ערשטע בליאונג — זייער בליק טוט ווי...
דער גרינער הידוש — גרוויליקע געשפּענסטן.
דעם בלעטערפאַל פון שפּעטן האַרבסט צעווייט —
די וויינער-דיכטער ניגונען אַמשענסטן...

און טאַמער גיט די פרייד אַ קלאַפּ אין שויב —
דער זומערלעב אַ שפּיל מיט הייסע פאַרבן —
פאַרקלאַפּן זיי די לאַדענעס אויף טויב —
די קלאַנגעניש כדי ניט צום פאַרדאַרבן...

ווי גוט איז זיי צו שלאָכצן אויפן קול —
דעם טרויער אויסלוליען אין וויסטע וויגן,
ווען אַלץ, ווען אַלץ אַרום צעשרייט זיך מיט אַמאָל:
ס'איז אייער צער און אייער טרער אַ ליגן! —

אַ ליגן אייער קלינגענדיקער טרויער,
ווען ס'איז דער היינט צום מאָרגנשיין פאַרקוקט!
פון נעכטן איז שוין צוגעהאַקט דער טויער
און איר — ביים זייט פון שליאַך — אַוועקגערוקט...

1959

הדסה׳ן[81]

# ניט זאָג צו מיר...

ניט זאָג צו מיר פון פאַרבן און ניואַנסן...
די שנאה האָט איר גרונטיקן קאָליר —
אַהינטער רעגן-בויגן זיך פאַרשאַנצט און
אַהינטער צביעות-שמייכל זי פאַרפירט...

צווישן אַלע צילן, זי איין ציל האָט —
צווישן אַלע פענער — נאָר איר פאָן
און ווען זי קניט אפילו צו דער תפילה —
דו ווייס: אַ נייעם בלוטשניט גרייט זי אָן.

ניט זאָג צו מיר פון טענער און פון קלאַנגען —
דאָס טייערסטע און שענסטע — אונזער ליד,
אפילו אַז אין האַרצן טוט אונז באַנג ווען,
אפילו ווען עס שטרויכלען אונז די טריט...

אפילו ווען דער בליק פאַרגייט פון צער און
פון יאוש דיר פאַרברעכן זיך די הענט... —
די שנאה, זי פרווט דעמאָלט אונז פאַרנאַרן
אין אירע קברים-פוילנדיקע ווענט...

ניט זאָג צו מיר, מיין טייערע, פון בלומען —
דאָס ווילדגראָז וואַקסט דאָך אָן אויף יעדן בייט...
דער גערטנער — צו דער צייט ער זאָל נאָר קומען
און אויספּיעלען דאָס ווילדגראָז פון דער פרייד!

מיין טייערע, דיין וויטיק איז דאָך מיינער
און אין מיין האַרץ דיין זעלביקער געוויין.
אויב ס׳זיינען אויף דער ערד פאַראַנען פיינט —
איז אונז באַשערט זיי אַלע דורכצוגיין...

ווארשע, 1957

# דאָס נייע...

דאָס נייע ווערט אין ווייטיקן געבאָרן,
דאָס נייע מוז זיך שלאָגן פאַרן זיג!
און אונזער גליק פון ווייען צו פאַרשפּאָרן
האָט קיינעם נאָך דערוויל ניט אָפּגעגליקט.

דאָס לייב, עס קורטשעט אָפּטמאָל זיך אין צווייען...
און ס'טרעפט: דאָס האַרץ גייט אָפּטמאָל אָפּ אין בלוט.
דאָס נייע איז אַמגרינגסטן צו פאַרזייען
און מיינען; דער פאַרזיי איז שטענדיק גוט,

נאָר אַנשטאָט פרילינג קומען האַרבסטן־שלאַקסן
און אַנשטאָט זון — אַ וויכער טוט אַ יאָג...
דער פלאַניץ, וואָס הויבט אָן ערשט זיך צו צעוואַקסן —
מיט טויזנט אומגליקן ער ווערט געפּלאָגט.

און דאָך און דאָך, מיט בלינדקייטן געשלאָגן
עס וואָלט באַדאַפן־זיין דאָס אויג באַשטראָפט
אום ניט צו זען, ווי ס'נייע האַלט אין טאָגן,
אום ניט דערזען פון אַלטן שוין דעם סוף!

ווארשע 1957

# בײם ראַנד פון אָפּגרונט...

א

ווי ס'ווערט דער וועג אַלץ שווערער, בינעם. 82
נאָר ווער האָט עס געהאַט פאַרזאָגט,
אַז אונז באַשערט איז צו געפינען
נאָר זוניקייט ביי יעדן טאָג?

וואָס מער די זון, אַלץ מערער שאָטן...
און וואָס ס'איז נענטער צום זיג,
אַלץ הייליקייטן מער צעטראָטן —
די פרייד פאַרלעשט דער אומעטבליק.

אַלץ אָפטער מען באַוויינט אַ קרבן —
פון סאַמע האַרץ אַרויס די טרער.
איז נאָך אַ ליכטיקייט געשטאָרבן —
אומהיימלעכער ווערט אויף דער ערד...

נאָר ס'לויפט דער צוג אַלץ רעשיק-ראַשער!
דער טיפסטער טרויער אויף פאַרקלינגט.
דורך אַלע שריפות, גאַזנאַשן,
דאָס ליד פון דעם נצחון זינגט...

ב

דער וועג אַלץ שווערער, שווערער, בינעם.
דו פלעגסט דאָך מיט פאַרפרעסטע ציין
דאָס וואָרט פון צער און האָס געפינען
און רופן מיט דיר מיטצוגיין.

און מיר, מיר זיינען מיטגעגאַנגען —
אַ דור אַ גאַנצער אין דער ריי.
אין נעץ פון דיינע צויבערקלאַנגען,
אין ציטער פון דיין אויסגעשריי... —

אַ דור אַ גאַנצער באַטווין-העלדן —
כאַנייקעס [83], באַלוט, יענער שטאַם,
וואָס האָט געוווּסט די גבורה מעלדן,
ווען ס'האָט דער גאַזאַווען געפלאַמט.

די פאָן פון ליבשאַפט און פון צאָרן
פאַרוואָרפן אויפן סמאַטשער דראָט —
געברענט האָט אין די תפיסה-יאָרן —
געצונדן אונזער יונגן טראָט...

און אויפגעשטורעמט אויף די פראָנטן
פון לענינאַ [84], ביים ווייסל-ברעג —
ביים פאַלן פון די סאַמע נאָנטסטע
פלעגט זי פאַרלויפן זיי דעם וועג...

ג

עס ווערט דער וועג אַלץ שווערער, בינעם,
נאָר ווען איז ער דען לייכט געווען?
דער אומעט אייביק פלעגט זיך שפינען
ביים אומוואַרפן די אַלטע ווענט

און אויך ביי יעדן ציגל-לייגן
אַ טריף-טאָן פלעגט אַ טראָפּן בלוט...
פון ווי דער רוקן אָפּט געבייגן,
נאָר ס'איז געווען דער ווי אונז גוט

און ליב די ביטערקייט אפילו
פון אייגן ניט-דערבאַקן ברויט,
אויב ס׳פלעגט אין האַרץ דעם צאָרן קילן
אַ בוגדס אומוווירדיקער טויט...

איז וואָס געשען איצט ברודער בינעם?
דער אָטעם האָט אין ברוסט פאַרפעלט
און דו נעמסט שפּייען אין דעם ברונעם,
וווּ ס׳האָט דיין לעבן אויפגעקוועלט? —

אין יענעם ברונעם וואָס אויף ניזקע,[85]
וווּ ס׳שלאָגט נאָך אַלץ אַרויס דער קוואַל...
און ער וועט ווייטער שלאָגן ביזקל
דער לעצטער שונא זיך נאָך האַלט!

ד

אוי כ׳ווייס, דער ווייטיק אין דיין האַרצן
איז ניט צום איבערהאַלטן-שווער.
נאָר אין די נעכט פון יאוש שוואַרצע,
צי האָסטו בלויז דיין קרעכץ דערהערט?

און אונזער צער און ווי און צאָרן?
און דער געוויין אין אונזער ברוסט,
צי איז ער לייכטער אונז געוואָרן,
ווען מיר האָבן די גרויל דערוווּסט?...

און אונזער פּיין, דעם ים מיט טרערן,
וואָס מיר האָבן אין ברוסט דערשטיקט?
און דעם קאָשמאַר פון חלום שווערן —
אַריינקוקן אין זייער בליק...

און דעם תהום פון שרעק דערקענען
אין אויסגעשריי: פאַרוואָס, פאַרוואָס ?,!!
אוי, בינעם, לייכט איז צו פאַרברענען
די פאַן אין אייגענעם פאַרדראָס —

אַראָפּוואַרפן דעם עול פון יאָרן...
און מיט דער סטיכיע אויף באַראַט
צו שלאָגן מיטן קלאָס כּפּרה —
ביחידות שטעלן זיך דעם טראַט...

ה

נאָר אַט דעם לייכטן וועג געפינען
מיר וועלן קיין מאָל ניט, דו הער!
פאַר אונז געהאַט און האָט אַ זינען,
און ביז צולעצט איז אונז באַשערט

די פאַן פון זיג צום סוף דערטראָגן —
מעג זיין דורך בלוט, מעג זיין דורך צער,
ביז ס'וועט דער זונאויפגאַנג אונז טאָגן...
און דיר אוי, בינעם, וואָס באַשערט?

דורך אַלע שטרויכלונגען פון לעבן,
דורך אַלע קרומקייטן געשטערט,
ווער וועט דיר איצטער כּוח געבן
צו שפּאַנען ווייטער אויף דער ערד?

ו

עס ווערט דער וועג אַלץ שווערער בינעם,
נאָר אין דער שווערקייט מען געפינט
די לויטערקייט פון מאַמעס טרערן,
די ערשטע פריידן פון אַ קינד,

די וואַרעמקייט פון ברודער־אָרעמס
און אויך די פריידן פון געמיט... —
פון שונא ווערט מען דאַן געוואָרנט
ביים מינדסטן וואַקל פון די טריט...

ז

צו וואָס דיר, בינעם, עס דערמאָנען?
דו ווייסט עס בעסער נאָך פון מיר!
נאָר אויב ס'איז דיר באַשערט דערקענען
דעם עלנט ביי אַ פרעמדער טיר —

דעם חוזק־שמייכל און די צביעות
אין יעזואיטן־קלייד פאַרשטעלט,
די פאַלשע טרער ביים רייסן קריע,
ווען שאַדנפרייד אין ברוסט צעקוועלט...

אויב ס'איז באַשערט דיר אַט די בושה —
נדבות בעטלען ביי דעם פיינט —
ניט וויסן וועסטו פון קיין רו שוין —
דאָס זאָגט מיט ווייטיק דיר אַ פריינט!

ח

ווייל ווי אַ בלאַט פון ווינט געשטויסן,
וואָס פלאַטערט צווישן בוים און ערד —
פאַרוואַגלען וועסטו אינעם דרויסן —
פון טרויער אייגענעם פאַרצערט...

ט

און אונזער צוג לויפט רעשיק־ראַשער! —
דער טיפסטער טרויער אויך פאַרקלינגט.
דורך אַלע שריפות, גאַזן, אַשן —
דאָס ליד פון דעם נצחון זינגט!

יאַנואַר־פעברואַר, 1957 — קרית־עמל

# אַט דאָס איז די מאָס... 86

ביים לייענען שולשטיינ׳ס
„די בלומען פון באַדויער"

אַט דאָס איז די מאָס און קיין אַנדערע האָב איך נישט.
אַ פּריינט כ׳וועל פון ווייטן דערקענען...
אומזיסט גיט אַ קלונג אין געהער מיר די לויב אין ליד —
דאָס האַרץ דאַרף די פּשוטקייט קענען.

דעם טרערן-געפלייץ פונעם בליק און די קלאַגעניש —
פאַר נישטיקע פּראַנקן פאַרהאַנדלען?...
און אַט דעם געפּילדער דעם גרויסן, די יאָגעניש —
דעם צער אין אַ גראַם צו פאַרוואַנדלען —

און נישט ביחידות אין שטילקייט צו טרויערן
נאָך אונזערע שווערע אבידות —
דעם ווייטיק אין האַרצן טיף טיף נישט פאַרמויערן —
דעם שונא פאַרשאַפן בלויז פריידן?

אַ ניין! כ׳וועל נישט אויפהערן אייביק צו וואָרענען:
נישט עכטע די דאַזיקע טרערן!
דאָס האַרץ זאָל פון ווייטיק דעם שאַרפן צעצאָרענען —
דער צער בלויז צו אונדז זאָל געהערן!

די ציינער פאַרקריצן ביז בלוט, נאָר נישט אויסשרייען —
צום שונאָס דער גרעסטער הנאה...
רחמנות ביי אים אונז חלילה צו אויסלייען —
קיין רגע זיך אים נישט פאַרטרויען. —

די ווונד איבערווינדן און ווייטער אויסדויערן,
ביז וואַנען דער אָטעם וועט סטייען...
און וויסן: דער שונא שטייט אַלץ ביי די טויערן!
און וויסן דעם ברית צו באַנייען...

עטיען קלעמענטעל, 1960

# מען דאַרף באַצאָלן...

מען דאַרף באַצאָלן דאָך אַצינד.
נאָך ווי, נאָך ווי דאַרף מען באַצאָלן!
אין האַרצן בושעוועט אַ ווינט,
אין אויג אַ טרער איז אָנגעדראָלן. —

איך האָב געזונגען זיינע לידער...
צי איז עס טאַקע בלויז דערפאַר —
אַן אויסגעשעפטער און אַ מידער,
אַן אויפגעפרעסענער פון צער —

איז ער אין שלאַכט אַוועקגעפאַלן,
און לעקט אין יאוש דאָרט זיין ווונד?
אָ, די געזאַנגען זיינע אַלע —
זיי וויינען אין מיין האַרץ פאַרשטומט...

אַיעדעס ליד זיינס וויינט באַזונדער
און רייסט פון נעכט אַראָפ מיין שלאָף:
אויב ס'פאַלט אין וועג דער דיכטער — שטוב ווערט —
דערזינג, דערזינג זיין ליד צום סוף!

מען דאַרף באַצאָלן דאָך אַצינד.
נאָך ווי, נאָך ווי דאַרף מען באַצאָלן!
אין האַרצן בושעוועט אַ ווינט,
אין אויג אַ טרער איז אָנגעדראָלן...

1957

## דער אַפטריניקער...

דו ווילסט זיך אויסמאָלן אַ מין פּאָרטרעט
פון דעם אַפטריניקן ?
טאַ קוק זיך צו, ווייל ס׳קען נאָך ווערן שפּעט
אים צו באַזיניקן...

אַט ווייזט ער זיך אַ רגע און פאַרשווינדט...
אַ בייזער חלום בלויז —
געקומען מיטן וואַיענדיקן ווינט
און גלייך אַ פלעדערמויז —

ווערט אויסגערונען אָן אַ מינדסטן שפּור
באַגינען אויפן שטעג —
געבליבן בלויז אַ כריפּע פון אַ הור —
באַצאַלט... און נעם דעם וועג !

ווייל האָט ער דען צו זאָגן עפּעס נײַס ?
באַדאַרף אים עמיץ דען ?
גענוג אים, אַז ער איינמאָל זיך צעשרייט :
„איך בין אַמאָל געווען !"

גענוג אים מיט די אויגענעס אַ גלאָץ —
אַ קלאַפּ-טאָן זיך אין ברוסט —
אַ שיפּע געבן שלאָכצנדיק-פּאַראַצט :
„איך האָב גאַרניט געוווסט"...

און דער אַפּטריגיקער גענדיקט האָט —
אַ צווייטער וואַרט זיין ריי...
צו מאַכן זיך פאַר לייט צו שאַנד און שפּאַט...
צום וויסטן ווינד-און-וויי. —

אָט דאָס איז עס דאָס אייביקע פּאָרטרעט
פון דעם אַפּטריניקן,
וואָס איידער וואָס — ווערט שטענדיק שוין צו שפּעט
אים צו באַזיניקן...

אפריל, 1959, קרית-עמל

# צו וואָס דערמאָנען?

אַזוי איז עס, אַזוי איז עס אין לעבן,
מיר זינגען ניט, ווי ס'זינגען פייגל פריי.
קען זיין, די טויב — אין סתּם פאַרגייט איר שוועבן,
נאָר אונדזער צייט — זי שוועבט ניט סתּם פאַרביי.

איעדעס ליד אין האַרצן אויסגעטראָגן —
מיר שיקן מיט אַ בענטשונג היינט אַרויס
אַ עמיצן אַ ברודערגרוס דערטראָגן —
פאַרשטאַלן אין גערעגנגל אים די פויסט...

אַ עמיצן די רו שוין אונטערצינדן —
פון אומרו אים צעטרייסלען דאָס געמיט...
מיר זינגען ניט אַזוי זיך סתּם אַצינדער —
פון אונטער האַרץ ניט סתּם גייט אויף דאָס ליד. —

אַמאָל איז עס די פלאַטערפאָן פון צאָרן
און ביזן לעצטן אָטעמצי — אַ פריינט.
און אייביק ברענט, ווי יענער חומש-דאָרן.
און צילט אַ קויל אין ברוסט פון מענטשנפיינט...

צו וואָס עס איצטער נאָך אַ מאָל דערמאָנען? —
דער דיכטער טראָגט עס אום אין זיין געמיט.
זאָל ער פון זיך, פון זיך אַליין איצט מאָנען
דעם פייער און דעם גלויבן פאַר זיין ליד...

1960, עטיען קלעמענטיעל

# יאָ!

יאָ! איך הזר איבער עס אויף טויזנט אַרטן.
יאָ, אַיעדע רגע עפּעס נייס געשעט...
יאָ, דאָס גרויסע, אומגעהייערס, דאָס געגאַרטע —
עס וועט קומען, כאָטש אַ ביסל שפּעט...

נאָר דערווייל גייט זיכער וואָס פאַרלאָרן —
אויסגערונען ווערט אומזיסט אומגעשטט —
ניט דערלעבט צום סוף און ניט דערבאָרן —
נאָך אַ שפּור אין אייביקייט פאַרווישט...

איז אַ שאָד אַיעדער נייער שאָדן
און ס'טוט וויי אַיעדער נייער וויי,
נאָר דער טרויער וואָס אין האַרץ פאַרלאָרן —
קען ער דען פאַרווישן אונזער פרייד?

יאָ! איך הזר איבער עס אויף טויזנט אַרטן
יעדע רגע און אַיעדע שעה:
אָט דאָס גרויסע, אומגעהייערס, לאַנג-געגאַרטע —
עס וועט קומען, זיכער קומען, יאָ!!!

# צוגאָב־באַמערקונגען

1. מולדת (מאָלעדעט) — היימלאַנד (פאָטערלאַנד).
2. כרמל (קאַרמעל) — בערג־קייט ביים ברעג פון ים אין צפון פון לאַנד.
3. ירדן (יאַרדיין) — גרעסטער טייך אין ישראל.
4. חיפה (כייפא) — פּאָרט־שטאָט.
5. מטולה (מעטולאַ) — שטעטל אויפן סאַמע צפון.
6. נגב (נעגעוו) — גרויסע וויסטעניש אין דרום־טייל פון מדינת־ישראל.
7. שבטים (שוואָטים) — שטאַמען (דאָס אוראַלטע פאָלק פון ישראל איז לויטן חומש געווען צעטיילט אויף 12 שבטים).
8. עמק (איימעק) — טאָל. עמק־יזרעאל — פרוכטבאַרער טאָל אין ישראל.
9. „אויפן 14־ן צוזאמענפאָר" — צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ישראל אין מאַי־יוני 1961.
10. מפרץ (מיפראַץ) — ים־בוכטע אין חיפה (אינדוסטריע־צענטער).
11. וואַדי סאַליב — אָרעמקייט־קוואַרטאַל אין חיפה.
12. בבל־טורעם — ביבלישע לעגענדע וועגן טורעם וואָס די מענטשן האָבן געבויט צום הימל.
13. יפו (יאַפאָ) — אַלטע היסטאָרישע שטאָט — היינט — אַ טייל פון דער שטאָט תל־אָביב.
14. כנען (קנאַאַן) — באַרג אין גליל העליון.
15. סמיכות־הפרשה (סמיכעס האַפאַרשע) — נאָענטקייט, אַנאַלאָגיע, פאַר־בינדונג פון געשעענישן.
16. בערג פון יהודה — די געגנט פון ירושלים.
17. מודיעין (מאָדיאין) — היסטאָרישע אָרטשאַפט ביי ירושלים, ווו עס איז אויסגעבראָכן דער חשמונאים־אויפשטאַנד.
18. אין וואַדי סאליב זיינען זומער 1959 אויסגעבראָכן אומרועו פון דער מאַראָקאַנער עדה, צוליב די אוממענטשלעכע וווינונגס־באַדינגונגען און נויט אין די פיל־צאָליקע משפחות.
19. דחק (דאַחאַק)־לוין — נויט־לוין. אַרבעטסלאָזע מענטשן ווערן באַשעפ־טיקט ביי שווערער, אָפּטמאָל אויסשעפּנדיקער אַרבעט פאַר אַ האַלבן אָדער אַ דריטל פון אָנגענומענעם הסתדרות־לוין.
20. ספאַנדזשע. — אַרבעטסלאָזע פרויען און מיידלעך, סרוב פון דער ספרדישער עדה, דינגען זיך אָן אין פאַרמעגלעכע הייזער צו רייניקן די שטובן, וואַשן די פּאָדלאָגעס וכדומה, לכבוד שבת.
21. חביבי (כאַוויווי) — מיין ליבער (כאביבי — פון אַראַביש).
22. שיקנאַזי — אַשכנזי (די ספרדישע יידן רופן אַן יידן פון דער אשכנזישער עדה, מיטן צונאָמען „שיקנאַזי".
23. אַראַק — שאַרפער אַלקאָהאָל־געטראַנק ביי די מזרח־פעלקער.
24. עבודה — אַרבעט.

25. בר־יוחאַי — רב פון מיטלאַלטער. אויף זיין קבר אין מיראָן ביי צפת, קומען פרומע יידן מתפלל צו זיין, שרייבן צום צדיק קוויטלעך, וועגן הילף, טאַנצן ביי אנגעצונדענע שייטערס אין ל״ג בעומר און שערן אָפּ ביי דריי־יאָריקע יינגעלעך, צום ערשטן מאָל, די קעפּעלעך.
26. שטאָט־פּרעזידענט פון חיפה, וואָס קימערט זיך ווייניק פאַר די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן.
27. מזמור שיר לישראל (מיזמאָר שיר לעיסראעל) — אַ געזאַנג צו ישראל.
28. הורה (האָראַ) — ישראל־טאַנץ.
29. תכלת (טכיילעס) — בלאָ.
30. אילת (אייַלאַט) — ישראל־פּאָרט ביים ברעג פון רויטן ים.
31. כאַקי — לייוונטענע בגדים פאַר ווייניק־פאַרדינענדיקע.
32. ליליענבלום־גאַס — דאָס אָרט פון דער שוואַרצער בירזשע אין תל־אביב.
33. שאַכטן פון שלומה המלך׳ס צייטן — קופּער־גרובן אין נגב.
34. בית שאָן — געגנט פון באַנוול־פּלאַנטאַציעס.
35. כפר אתא (קפאַר־אַטאַ) — אָרטשאַפט פון אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק.
36. למה ומדוע (לאָמאַ אומאַדואַ) — פאַר וואָס און פאַר וועןן.
37. שבת אחים גם יחד (שעוועט אַכים גאַם יאַכאַד) — כלל־ישראל־ליד, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז אַלע יידן זיינען ברידער (אָרעם־רייך — אַלע גלייך).
38. בטל בשישים (באַטל בעשישים) — ליידיק גיין.
39. פעולה (פּעאולאָ) — טואונג.
40. תמים (טאָמים) — נאַיוו (תמימותדיק).
41. קאַסעס אויפצוברעכן — יוגנט פון רייכע הייזער ווערט געכאַפּט ביים אויפברעכן שלעסער פון געוועלבער. דאָס אנגערויבטע גוטס ווערט פאַרהוליעט...
42. יעקב און דני (דאַני) און מאַחמוד און פורת (פּאָראַט) — יידישע און אַראַבישע קינדער געמיינזאַם.
43. קיביע און יהוד (יאַהוד) — יידישע און אַראַבישע אָרטשאַפטן פּאַגראָמירט קעגנזייטיק דורך ישראלדיקע און אַראַבישע מיליטערישע אַוואַנטוריסטן.
44. סיני (סינאַי) — מדבר סיני — ענגליש־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן און די ישראל־רעגירונג האָבן אָנגעהויבן די סיני־מלחמה קעגן עגיפּטן. (אָקטאָבער 1956).
45. כרם (קערעם) — ווייַנגאָרטן.
46. גליל (גאַליל) באַרגיקער צפון־טייל פון ישראל.
47. כפר קאַסעם — אַראַבישער דאָרף אין ישראל — אין טאָג פון מלחמה־אָנפאַל אויף עגיפּטן (29־טער אָקטאָבער 1956) אויסגעשאָסן מיט קוילן־וואַרפער 49 נפשות, מענער, פרויען, אַלטע לייט און קינדער.
48. זאַהאַדי — פּערסישער פּרעמיער־מיניסטער — פאַגראַמירט די העלדישע „טודע״־פּאַרטיי, דערשאָסן אַ סך פון אירע פירער.
49. איבראַהים כנעני — אַראַבישער קאָמיוניסט פאַרשפּאַרט אויף יאָרן תפיסה בעת די געשעענישן אין נצרת (נאַצערעט) אין מאַי 1958.
50. לית דין לית דיין (לעס דין לעס דאַיען) — ניטאָ קיין געזעץ און קיין שופט.
51. מחמוד שריידי — אַראַבישער קאָמוניסט געווען פאַרשפּאַרט אויף פיל יאָרן אין געפענקעניש.
52. יהודה איש קריות — דער מאַן וואָס האָט פאַראַטן יהושע הנוצרי צו די רוימער, פאַר דרייסיק זילבערנע טאַלערס.
53. בגידה — פאַראַט.

54. לאַ פּאַסיאָנאַריאַ — דאָלאָרעס איבאַרורי — פּיוערין פון שפּאַנישן אַרבעטער־קלאַס.

55. מאַנאָליס גלעזאָס — אַנטי־פאַשיסטישער העלד, פאַרשפּאַרט דורך די איצטיקע גריכישע הערשער אויף פינף יאָר תפיסה (געהאַט אים בדעה אומצוברענגען, אָבער אונטערן דרוק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכקייט איז זיין לעבן אָפגעראַטעוועט־געוואָרן.

56. סאָבאָל — יידיש־אַמעריקאַנער אַנטיפאַשיסט פאַרמשפּט געוואָרן אומשולדיק אויף 30 יאָרן תפיסה.

57. אַלעקסאַנדער פען — רעוואָלוציאָנערער ישראל־דיכטער, די סאָנעטן געשריבן צום דיכטערס ווערן אַ בן חמישים אין 1956, וואָס איז געפייערט געווארן מיט גרויס פאַרנעם ביים דיכטערס אָפּוועזנהייט — ער איז געלעגן אַ לאַנגע צייט קראַנק.

58. פופציק יאָר איז געוואָרן דעם דיכטער פסח בינעצקי אין מערץ 1960.

59. רויטע בלומען אויפן קבר פון דער דיכטערין חיה קדמון, וועלכע איז אין עלטער פון 42 יאָר אַרויסגעריסן געוואָרן פון די רייען, איבער־לאָזנדיק אַ מאן מיט אַ פיר־יאָריק קינד. דער מאַן, חבר ראָבערט פאָרקאָש — אַ דאָצענט אויפן ביאָלאָגישן פאַקולטעט ביים ירושלימער אוניווערזיטעט, טאַלאַנטפולער וויסנשאַפטלער און אַקטיווער פּראָג־רעסיווער טוער, איז אין אַ פאָר חדשים אַרום אַוועק אין די טריט פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי...

60. אין וואַלד פון גרויסן זיג — דער וואַלד א.נ. פון דער רויטער אַרמיי אין די בערג פון ירושלים.

61. אין די בערג פון יהודה, אין יער הצבא האדום (יאַר האַצאָוואָ האַדאָם) איז געשטעלט געוואָרן אַן אָנדענק לכבוד דעם זיג איבערן היטלעריזם. אין דער ערשטער העלפט פון חודש מאי, יאָר־יערלעך, קומען זיך צונויף פון גאַנצן לאַנד גרויסע מאסן, טויזנטער פריינט פון ראטנ־פארבאנד און פון דער העלדישער רויטער אַרמיי, צופוסנס דעם דענקמאל אין יער הצבא האדום, כדי אָפּצוגעבן כבוד די געפאַלענע רויט־ארמייאישע העלדן און אזוי ארום פון דאָס ניי צו פּראָקלאַמירן די געמיינשאַפטס־אינטערעסן צווישן יידישן פאָלק און ישראל מיטן לאַגער פון שלום און סאָציאַליזם.

62. והייה באחרית הימים (וועהאַיאָ בעאַכריט האַיאָמים) — און עס וועט זיין אין די לעצטע טעג — דער טרוים פון נביא ישעיהו בן אמוץ וועגן אַ וועלט, ווו דער וואָלף מיטן שעפס און פּאָסטעכל וועלן לעבן אין ברידערלעכער געאָרעמטקייט . .

63. אין קאַנאַל אויף פראָסטע גאס. די מיטגלידער פון דער פ.פ.ר. (פּוילישע אַרבעטער פאַרטיי) האָבן ארויסגעראָטעוועט דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן פון וואַרשעווער געטאָ און ארויסגעפירט אין די וועלדער אַ גרופּע יידישע קעמפער, כדי ווייטער ממשיך צו זיין דעם קאמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

64. טאָוואַזשישע — חברים (פון פּויליש).

65. מיט זעקס מיליאָנען בליקן פון די אומגעקומענע האָבן מיר אַרומגעזוכט דעם ארצי־תליון אַדאָלף אייכמאַן.

66. איין כותל פאַרבליבן — די וואַנט פון דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ.

67. יצחק מאַלמוד — יונגער אַרבעטער אין ביאַליסטאָקער געטאָ נקמה גענומען פאַרן בלוט פון דערשאָסענע יידן.

68. זכור את אשר עשה לך עמלק (זכאָר עט אַשער אָסאָ לעכאָ אַמאָלעק) — געדענק דאס, וואס דיר האָט אָפּגעטאָן עמלק (פסוק פון תנ״ך).

69. ביי ברידער צו גאַסט — פון אַ באזוך אין פראַנקרייך.

70. פער־לאַ־שעז — אויפן פּאַריזער בית הקברות, די וואַנט פון די דערשאָסענע קאָמונאַרן.
70א. קול־העם (קאָל־האָאַם) — צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ישראל.
71. רחובות (רעכאָוואָס) — שטאָט אין ישראל, וווּ עס האָט געהאַט זיין רעזידענץ, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. דאָרט געפינט זיך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונגס־אינסטיטוט אויפן נאָמען פון פּרעזידענט ד״ר חיים ווייצמאַן.
72. פרידמאַן — גרויסע מעטאַל־פאַבריק „פרידמאַן״ אין ירושלים. דאָרט קומען אָפט פאָר שטרייקן.
73. שניי־געקרייזטער נביא מיט דער ביקס — אַזוי ווערט אין דער פּאָליטישער וועלט באַצייכנט די געשטאַלט פון דוד בן־גוריון, דעם פּרעמיער און זיכערקייטס־מיניסטער פון ישראל.
74. אוסטאַשי — יוגאָסלאַווישער פאַשיסט.
75. יאָסל בערגנער — קינסטלער־מאָלער — זון פון באַוווּסטן דיכטער און עסעאיסט מלך ראַוויטש.
76. אר״י (אשכנזי רבי יצחק) דער מקובל רבי יצחק לוריא פון צפת (רעליגיעזער אויטאָריטעט, וואָס האָט געוואָלט צואיילן די גאולה).
77. אָדרי — ישראל־קינסטלערין פון קאַנאַדישער אָפּשטאַמונג, וואָס מאָלט דאָס אַלטע צפת מיט העלע פרייַלעכע קאָלירן.
78. אין חודש מערץ — דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־טאָג.
79. ק.פּ.פּ. — קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה.
80. קאַזשימיערזש ווײעלקי (קאַזשימיערזש דער גרויסער) פּוילישער קעניג, וואָס האָט פאַרבעטן די יידן קיין פּוילן צום אַנטוויקלען דעם מסחר.
81. הדסה רובין — יידישע דיכטערין פון פּוילן. אין די טעג פון „פּוילישן אָקטאָבער״ האָט זי אין אירע לידער געגעבן אַן אויסדרוק איר אַנטוישונג אין סאָציאַליזם. אין ישראל, פאַר אירע לידער, וועלכע די זשורי האָט באַצייכנט ווי „שירי הנחמה״ (טרייסט־לידער) — באַקומען אַ ליטעראַרישן פּריז פון פרויען־ראַט ביי דער הסתדרות.
82. בינעם העלער — באַוווּסטער יידישער אַרבעטער־דיכטער, אָפּשטאַמיקער פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט, אין ישראל — געפונען זיין אָרט אין צד שכנגד.
83. כאַנייקעס — אָרעמקייט־קוואַרטאַל אין פאַרמלחמהדיקן ביאַליסטאָק (פּוילן).
84. לעגינאָ — אָרטשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ די דאָרט־אַנטשטאַנענע פּוילישע קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, האָט אַדורכגעמאַכט די ערשטע פייער־פּראָבע אויפן שלאַכט־פעלד קעגן היטלעריסטישן מיליטער.
85. גיזקע־גאַס — באַוווּנט פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אין פאַר־מלחמהדיקן וואַרשע.
86. משה שולשטיין — פּאַריזער יידישער דיכטער, אָפּשטאַמיקער פון פּוילן.

# אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — —

## 1. מולדת

מולדת — 13
איך האָב אַלץ געמיינט — 14
ערד מיינס — 16
אין טויער פון עמק — 18
אויפן 14־טן צוזאַמענפאָר — 19
אויפן כנען — 20
ווער ווייס, ווער ווייס — 21
די סמיכות הפרשה — 22
צייכענונג „נגב״ — 23
אויף בייזווונדער — 25
אין נגב — 26
וואַדי פאַליב (סאָנעטן) — 28
מזמור שיר לישראל( ציקל לידער) — 32
אַריבער די שטעכיקע דראָטן
פון ציקל „סיני״ — 45
אַזוי איז געווען אין אָקטאָבער — 47
דער ערשטער זיג — 49
איך זאָל זיך פרייען — 50
איינער — 51
ווי אומגלויבלעך — 53
די טרערן זיינען ניט קיין טרערן — 54
איבראַהים (סאָנעטן) — 55
צייכענונג „הינטער די קראַטן״ — 63
צו מיין חבר מחמוד שריידי — 65
אויב מיין ליד — 67

## 2. אייביק־גלייביק

איין מאָל האָט געזאָגט מיר מיין געוויסן — 71
איז גוט מיט אַלעמען צו גיין — 72
נאָר איינס צו ווערן מיט מיין קלאַס — 73
אונזער חלום — 74
מיין האַס פאַר זיי — 75
1־טער מאַי — 76
צייכענונג „אונטער די פענער״ — 77
לאַ פאַסיאָנאַריאַ — 79

טרייהייט — 81
האַרבסט־מאָטיוון — 83
מאַנאָלים גלעזאָס — 85
קאָפּ און האַרץ — 86
קובאַ — 87
משפּט־סאַבאָל — 88
אַלעקסאַנדער פּען (סאָנעטען) — 89
צי האַלט איך שוין — 92
די ירושה — 93
מיין ליד — מיין ביקס — 94
הללויה, הללויה — 95
פּופּציק יאָר — 96
פון קליינע זיגן — 98
פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס? — 99
חיהן... רויטע בלומען אויפן קבר
א. ווי אַזוי קען איך גלויבן? — 101
ב. ביים אַנדענק פון די העלדן — 102
ג. אין טאָג פון ערשטן מאַי — 103
ד. רויטע בלומען — 104

## 3. מגדל לנין

אין מאָסקווע — 107
אַ מנהג אַזאַ אינעם לאַנד — 108
דער מגדל לנין (פּאָעמע) — 110
צייכענונג „יער הצבא האדום" (וואַלד פון דער רויטער אַרמיי) — 125
אין די בערג פון יהודה — 127
בראשית פון אַ צייט — 129
גאַגאַרין — 130

## 4. אין צער און צאָרן

מיין שטאַם — 133
די געלע לאַטע — 134
התונה־טאַנץ.. — 135
אין קאַנאַל אויף פּראָסטע גאַס — 141
די וואַרשעווער נאַכט — 146
דערלאָזט ניט, דערלאָזט ניט — 148
צייכענונג „חורבות" — 149
מיט זעקס מיליאָנען בליקן — 151
איין כותל פאַרבליבן — 154
אָ, העלדן פון רום — 156
דריי (באַלאַדע) — 157
זכור את אשר עשה לך עמלק — 164

## 5. ביי ברידער צו גאַסט

צייכענונג „קיין פּאַריז" — 167
ביים שוועל פון פּאַריז — 169
דער 14־טער יולי — 170
איך האָב געהערט די מאַרסעליעזע — 171
געשען מיר אַ נס — 172

| | |
|---|---|
| כ'בין פול אַלץ... | 173 |
| ס'איז שטיל אין וואַלד | 174 |
| אַ נומער „קול העם" | 175 |
| אַיעדן שטויבעלע צעקושן | 177 |
| אַ גרוס | 178 |
| דו הער זיך איין | 179 |
| אַ ייד פון די פּוילישע קאַנטן | 180 |
| דער אויסטאַשי | 181 |
| צוויי געסט | 183 |
| זאָל קיין עין הרע... | 184 |
| גבריאלה | 185 |


## 6. פון אונטער האַרץ


| | |
|---|---|
| מאַנדל־ביימער בליען | 189 |
| די קוואַלן פון ליכט | 190 |
| שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער | 191 |
| צי שולדיק איז אין דעם דער רעגן? | 192 |
| אַ שונא זיצט אין מיר | 193 |
| אַלץ אין לעבן דאַרף זיין ליד | 194 |
| פון אַלע הלומות איין חלום | 195 |
| דאָס ליד וואָס איז נאָך מיין | 196 |
| צייכענונג „פון אונטער האַרץ" | 197 |
| כ'האָב ליב די פאַרב | 199 |
| אַ רעצענזיע | 200 |
| דער שולדיקער בין איך | 201 |
| עפּעס, עפּעס | 202 |
| אין שאָטן פון אַ צפתער סאָסנע | |
| פּאַר אַט דער קלוגשאַפט | 203 |
| אין וועלכער טיף | 204 |
| איז גוט מיר אויך מיט דעם | 205 |
| דער טויכער | 206 |
| וואָס בלייבט צו טאָן | 207 |
| ביי יאַכעלע בערגנער אין צפת | 208 |
| גיט קיין פּאַווע | 209 |
| די שכינה רוט אויף מיר | 210 |
| אין אַ שפּעטער צייט | 211 |
| די זון אין די אויגן | 212 |


## 7. י י ד י ש


| | |
|---|---|
| איך בין אַ ייד | 215 |
| דעם טאַטנס קבר | 216 |
| אין חודש מאַרץ | 218 |
| מיין זונעלע | 220 |
| צו וואָס באַהאַלטן נאָך? | 221 |
| מיין פּוילן | 222 |
| ק.פּ.פּ. | 224 |
| די שפּיל אין וואַ באַנק | 226 |
| אזוי פיל האָסטו דורכגעליטן שוין | 227 |
| מיין יידיש | 228 |
| שמואל האַלקין | 229 |

דאָס אַלץ, דאָס אַלץ — — — — — — — 231
איך צייל די נעמען — — — — — — — 232
די היענעס — — — — — — — — — 233
צו רחל בוימוואָל — — — — — — — — 234

## 8. שפּליטערס

די דיכטער פון געוויין — — — — — — — 237
גיט זאָג צו מיר — — — — — — — — 238
דאָס נייע — — — — — — — — — 239
ביים ראַנד פון אָפּגרונט — — — — — — — 240
אָט דאָס איז די מאָס — — — — — — — 245
מען דאַרף באַצאָלן — — — — — — — 246
דער אַפּטריניקער — — — — — — — — 247
צו וואָס דערמאָנען — — — — — — — 249
יאָ! — — — — — — — — — — 250
צוגאָב־באַמערקונגען — — — — — — — 251
אינהאַלט — — — — — — — — — 255

## באמערקטע פעלערן

ביים זעצן די לידער, זיינען אַרויסגעפֿאַלן עטלעכע אָריענטיר־ציפֿערן וועגן די באַמערקונגען, וואָס געפֿינען זיך ביים סוף פֿון בוך:

אויף זייט 96 (ביים קעפּל) — 50
" " 151 (ביים קעפּל) — 65
" " 165 (ביים קעפּל) — 69
" " 175 (ביים וואָרט רחובות) — 71
" " 176 (ביים וואָרט פרידמאַן) — 72
" " 176 (ביים וואָרט נביא) — 73
" " 181 (ביים קעפּל) — 77

ארויסגעגעבן פון זעלבן מחבר:

„א פענצטער צו דער וועלט" (לידער) — לאָדזש 1948

„ל י ד ע ר" — ווארשע, פארלאג „יידיש בוך", 1957